STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05038

BELA SHAPIRO

Mojshe Salzman

*Permanent preservation of this book was made possible
by Evelyn Goodman
in memory of
her parents, Hyman & Ray Twersky*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה זאַלצמאַן

בעלאַ שאַפּיראָ די פּאָפּולערע פרויען־געשטאַלט

משה זאַלצמאַן

בעלא שאַפּיראָ

די פּאָפּולערע פרויען־געשטאַלט

פּאַריז 1983

רפאל כוואָלעס :

גראַוויורן פון אַלבאָם „דאָס יידישע לובלין"

ווּ איז אונדזער שטאָט, אונדזער ציבור און קהל?
ווּ איז אונדזער היים — אונדזער אם בישראל?

מֹשה שולשטיין

***

און מיינע קאָמוניסטן היצקעפּ וועלן זיך ניט אָמפּערן שוין מער,
ניט קריגן זיך מיט מיינע מאָסן פונעם בונד,
און ביידע זיי מיט מיינע פרייסטע, מיט די טרייסטע מיינע,
וואָס האָבן גאַנץ דעם יאָך אויף זיך געשלעפּט —
חלוצים יידישע! זיי האָבן זיך דער וועלט אַוועקגעשאָנקען
און ניט פאַרלאָזן זי די אייגענע ווונד;
כ׳האָב צוגעקוקט זיך צו די קריגערייען און געוויינט...
נאָר וואָלט איר ווייטער זיך אַרומגעריסן, אַבי איר וואָלט געלעבט!

יצחק קאַצענעלסאָן

(פון „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״)

אַריינפיר

פאַר די קנאַפּע צוויי צענדליק יאָרן, וואָס איך האָב דעם כּבֿוד צו זיין דער סעקרעטאַר פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז, האָב איך זיך אַזוי פיל איינגעלעבט מיט דער געשיכטע פונעם יידישן ישוב אין דער שטאָט, אַז ס'ווילט זיך גלויבן צו זיין גייסטיק אַדאָפּטירט.

און דערפאַר דערלויב איך מיר, לויט מיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן, אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט אָט די קליינע און באַשרענקטע אַרבעט וועגן דער גייסטיק שיינער פּערזענלעכקייט פון ב ע ל א ש אַ פּ י ר אָ, און דאָס נישט געקוקט, וואָס איך האָב זי פּערזענלעך נישט געקענט, אויך נישט אָנגעהערט צו איר פּאָליטישער אָנשויאונג, אָבער אירע מעשים האָבן אויף מיר געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ ווילן און שטרעבונג אויסצודריקן מיין באַוווּנ־דערונג און אָפּגעבן כּבֿוד דער יידישער פרוי, דער פּאָליטישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוערין, וואָס האָט אָפּגעגעבן איר לעבן מיט ווירדע פאַר איר פאָלק.

„דאָס בוך פון לובלין", וואָס איז דערשינען אין פּאַריז אינעם יאָר 1952, צו דער צענטער יאָרצייט פון אומקום פון דער קהילה, און איז אַ ווירדיקער דענקמאָל נאָכן אויסגעמאָר־דעטן גרויסן יידישן ישוב, האָט נישט גענוג בולט און אַלזייטיק אַרויסגעבראַכט דאָס שיינע געשטאַלט פון בעלאַ שאַפּיראַ.

אין די אַרטיקלען פון דר. שלמה הערשנהאָרן און בעריש קרעמפּעל, אירע צוויי נאָענטע פּאַרטיי־חברים — מיטאַרבעטער

ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווערט געשריבן וועגן איר מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ, אָבער ביזן פּעריאָד ווען די מלחמה האָט זיי פונאַנדערגעשיידט. ווערליק מיינע ידיעות פון אַנדערע מקורים, האָב איך געמאַכט אַ פּרווו אַליין צונויפ־צוזאַמלען און אַרויסברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט. ליידער איז מיר נישט געלונגען, דורך אַלע מיינע אָנשטרענגונגען, צו געפינען גענוג מאַטעריאַלן געשריבענע דורך איר אַליין, אָדער כאָטש אירע עפנטלעכע רעדעס ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, באַגנוגן איך זיך בלית ברירה מיט אירס אַן איינציקן וואַנדערונגס־בריוו, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער אַרבעט.

אויפן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין תל־אביב לכבוד דעם 25־סטן יום־העצמאות פון מדינת ישראל איז, צווישן אַלע פּלענער און געדאַנקען, וואָס זענען אַרויסגעברענגט געוואָרן, אויך געווען דער הייסער ווילן צו פאַראייביקן די פּערזענ־לעכקייט פון געזעלשאַפטלעכע טוער פון די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין לובלין.

במשך פון די אָפּגעלאָפענע יאָרן זענען דערשינען גבית־עדות ביכער וועגן לובלין; עס זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ריי אַרבעטן אין דער יערלעכער אויסגאַבע „קול לובלין", וואָס דערשיינט אין ישראל. דאָס האָט מיטגעהאָלפן באַרייכערן מיט נייע פאַקטן און מאַטעריאַלן וועגן די ליידן און פּיין בעת די טרויעריקע יאָרן פון דריטן חורבן. די אכזריותדיקע בילדער פון צעשטערן מיט געוואַלד דאָס יידישע לעבן, וואָס מיר היטן אויף אין אונזער זכרון און באַוווסטזיין, דער טיף־איינגעבאַקענער טרויער אין אונזער דור, דאַרף פאַר אונז נישט זיין בלויז אַ מקור פון צער און בענקשאַפט און טיפער פאַרערונג. אויף אונז ליגט אַ פליכט אויסצושיילן פון דער פאַרגעסנקייט און אַרויסברענגען די גרויסע יחידים, וואָס האָבן מיט טיפן גלויבן געאַרבעט לטובת דעם יידישן כלל, אַפילו ווען זיי זענען געווען קעגנער

פון דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, דעם אויפבוי־ווערק פונעם יידישן פאָלק אין זיין היסטאָרישן היים־לאַנד, ארץ־ישראל.

די אַלע, וואָס דערמאָנען די אַלטע פרינציפּיעלע שטרייטן און זוכן ביי זיי די שולד פאַר אַ גלויבן, אין וועלכן די קעגנער זענען געווען, אין יענע יאָרן, איבערצייגט (אַזעלכע זענען פאַראַן), וויל איך דערמאָנען, וואָס דער גרויסער יידישער דענקער, פּראָ־פעסאָר דב סדן האָט געשריבן נאָך זיין קורצן באַזוך אין דייטשלאַנד און אין פוילן, פינף יאָר פאַרן נצחון פון היטלערן:

„ניין, איך האָב נישט קיין טענות צו בונדיסטן, פאָלקיסטן און אַגודיסטן. איך האָב אָבער שווערע תרעומות צו די ציוניסטן, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען די אילוזיעס פון זייערע קעגנער" („טויערן און טירן", ז' 326)

„דער עיקר מחלוקה האָב איך געהאַט נאָר מיט די ציוניסטן, וואָס האָבן זיך זייער ציוניזם אויסגעטייטשט, גלייך זיין אלף און ת"ו איז נישט ציון, נאָר דער גלות. אַזוי, אַז זיי זענען הלכה למעשה נישט געווען אַנדערש פון זייערע קעגנער". (דאָרט, ז' 323).

דער טעאָרעטיקער און גרונטלייגער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג פועלי־ציון, בער באָראָכאָוו, שרייבט אין זיין פּאָלעמיק מיטן בונד, אַז „ביים פּאַראויסמאַרש פון מאָדערנעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם ווערן אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער שאַפּנדיקער יידישער קולטור, און עס הייבט זיך אָן דער אומפאַרמיידלעכער פּראָצעס פון אַסימילאַציע". שוין אין 1906 איז ער טיף איבערצייגט, אַז דער שווערפּונקט פון גאַנצן יידישן לעבן וועט ווערן איבערגעטראָגן אין דער טערי־טאָריאַלער קאָנצענטראַציע אין ארץ־ישראל. באָראָכאָוו אָנערקענט די פּאָזיטיווע ראָלע פון „בונד" פון אָרגאַניזירן די יידישע אַר־

בעטער־באַוועגונג אין איר ערשטער סטאַדיע. מיט 60 יאָר שפּעטער דריקט בילדלעך אויס דעם געדאַנק דער פּאָעט און פּראָזאַיקער חיים גראַדע, אין זיין דערציילונג וועגן יידישער אָרעמקייט אין ווילנע: „ווי געפאַלן ס׳זענען געווען די יידישע אַרבעטער, אַפילו אין די אייגענע אויגן, איידער זיי האָבן גענומען זינגען די בונדישע שבועה״. פאַר די פאַרדינסטן וועלן די קו־מענדיקע דורות יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל אויפשטעלן אַ מאָנומענט.

אָט די נבואה פאַרווירקלעכט זיך אין מדינת ישראל אין אַ צווייפאַכיקן אופן, הן דורך דער פּאָליטיש־קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס די בונדישע אָרגאַניזאַציע פירט דאָרט זינט דעם יאָר 1951; דאַן איז איר גרינדונג אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן אין ישראל. אָבער דער גרונטשטיין פאַר דער אָרגאַניזאַציע איז פריער נאָך געלייגט געוואָרן דורך דעם ביאַליסטאָקער בונדישן אַרבעטער־אַקטיוויסט, ראַטמאַן אין דער דאָרטיקער קהילה, בענצל צאַלעוויטש, שוין אין די 20־ער יאָרן. דער טוער האָט פאַרגעזעצט זיין אַקטיוויטעט אין תל־אביב, אָר־גאַניזירנדיק דאָרט דעם בעקער־פאַראיין; שפּעטער איז ער אויך געווען אַ מיטגליד אין ועד הפועל פון דער הסתדרות.

אַזאַ נבואה, האָט אַפילו באַראָכאָוו נישט געקענט פאַראויסזען. באַראָכאָווס נבואה לגבי דעם בונד האָט זיך אויך פאַרווירקלעכט דורך דער אַקאַדעמישער טעטיקייט אין דעם תל־אביבער אוני־ווערסיטעט, וואָס פאַרשט און דערלערנט די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע.

צווישן די פרויען פערזענלעכקייטן, וואָס דאַרפן זוכה זיין צו פיגורירן אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן, דאַרף זיך אויך געפינען בעלא שאַפּירא.

וועגן לעבן און הערָאישן אומקום פון בעלאַ שאַפּיראָ

עס ווערט 42 יאָר, זייט די מערדערלעכע היטלער־געסטאַפּאָ האָט אכזריותדיק פאַרפּייניקט צום טויט איינע פון די גייסטיק־שיינע פרויען געשטאַלטן, וועלכע האָט געווירקט אין יידישן לעבן אין דער תקופה פון צווישןביידע וועלט־מלחמות. איר טעטיקייט איז אויסגעפאַלן אויף דער אַלטער יידישער קהילה אין לובלין.

פרוי בעלא שאַפּיראָ, די חסידיש־באַלעבאַטישע טאָכטער, איז אַרויפגעשוווּמען אויף דער עפנטלעכער פּאָליטישער אַרענע אין 1919, ווי אַ בונדישער ראַטמאַן; און גלייך האָט גענומען אַרויס־שיינען איר פּערזענלעכקייט אַלס ווירדיקע פאַרטרעטערין, דרייס־טע און אומדערשראָקענע פאַרטיידיקערין פון פאָלק. זי איז געווען די קעמפערין פאַר די סאַמע באַוווּסטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און די אָרעמע שיכטן אין שטאָט.

לויט ווי ס׳האָבן געשריבן אירע מיטצייטלער און מיט־קעמפער, די בונדישע ראַטמענער און דאַזערס אין דער קהילה — דר. הערשנהאָרן און בעריש קרעמפּעל — איז בעלא שאַפּיראָ געווען איינע פון די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע מענטשן אין דער יידן־שטאָט, וואָס האָט מיט רעכט געהאַט דעם כבוד צו רופן זיך — עיר ואם בישראל.

די קהילה האָט פאַרשריבן איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. דאָרט האָט זיך אויסגעפּיקט און רייף געוואָרן דער געדאַנק; דאָרט איז אויך געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער צענטראַלער אָנפּי־

רערשאַפט פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום — דער ועד ארבע הארצות, וואָס זיין הויפּט זיץ־אָרט איז טאַקע געווען אין לובלין. דאָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם יסוד פון דער יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע אין פוילן.

נו, איז אַוודאי געווען אַ כבוד צו זיין אַן עסקן אין אַזאַ שטאָט; גאָר באַזונדערס, פאַר אַ פרוי. די געזעלשאַפטלעכע סביבה ביי יידן און ביי די נישט־יידן, מיט אירע פאָראורטיילן לגבי דער פרוי אין אָנהויב פון די 20־קער יאָרן, איז נישט געווען גינסטיק פאַר דער פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער ראָלע פון אַ פרוי.

ס'איז אויך אַ כבוד פאַר דער בונדישער באַוועגונג, וואָס האָט די פרוי בעלאַ שאַפּיראָ אַרויסגערוקט.

בעלאַ שאַפּיראָ האָט נישט געהערט צו דעם דור לעגענדאַרע יידישע רעוואָלוציאָנערקעס, פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. בעלאַ האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער בונדישער באַוועגונג שוין בעת איר פולער גייסטיקער רייפקייט, אין 1918, אין די טעג פון דער דייטש־עסטרייכיש־אונגאַרישער רעוואָלוציע.

לויט נישט פעסטגעשטעלטע ידיעות איז בעלאַ געבוירן געוואָרן אין יאָר 1891, אין אַ חסידישער משפחה, וואָס דורות לאַנג זענען זיי געווען געקניפּט און געבונדן מיט רביים. איר מוטערס שוועסטער איז געווען די פרוי פון איינעם פון די לעצטע יורשים פון אַ רביים־דינאַסטיע אין לובלין, ר' שלמהלע אייגער. בעלאַס פאָטער, ר' שלמה שאַפּיראָ, האָט געשטאַמט פון דער שטאָט פולאַווו. נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגענומען אַ ירושה האָט ער פאַרלאָזט זיין שטעטל און זיך באַזעצט אין לובלין.

דאָרט האָט ער אויפגעשטעלט אַ גרויס געשעפט פון שרייב־מאַטעריאַלן, מיט אַ דרוקעריי אין סאַמע צענטער פון שטאָט. קיין גרויסער גביר איז ער נישט געווען, אָבער פרנסה האָט ער

געהאַט. ר׳ שלמה שאַפּירא האָט זיך גערעכנט צווישן די אָנגע־זעענע און מיוחסדיקע גערער חסידים.

די קינדער, ווי ס׳פּלעגט זיך פירן אין אַ פרום־חסידישער שטוב, האָט מען געגעבן אַ טיף־רעליגיעזע דערציאונג. דעם איינציקן זון האָט מען געפירט אויף דעם אויסגעטראָטענעם טראַדיציאָנעלן וועג, ד. ה. — חדר און ישיבה. צו די דריי טעכטער, פון וועלכע בעלאַ איז געווען די עלטסטע, האָט מען געהאַלטן אַ מלמד אין שטוב. דערביי האָט מען זיי אויך געגעבן אַלגע־מיינע דערציאונג; געשיקט זיי אין דער גימנאַזיע און שפּעטער אין אוניווערסיטעט. (בעלאַס צוויי שוועסטערס זענען געוואָרן לערערינס אין די יידיש־פּוילישע גימנאַזיעס).

בעלאַ איז געווען אין דער לובלינער גימנאַזיע אַ גוטע שילערין, באַקומען אַפילו אויסצייכענונגען. זי פּלעגט לייענען אַ סך ביכער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

גלייך נאָך דעם פאַרענדיקן די גימנאַזיע, האָט מען זי גע־פירט צו דער חופּה. ווי דער שטייגער אין די חסידישע קרייזן, איז דער אויסוואַל פון שידוך אָפּגעשלאָסן געוואָרן צווישן די עלטערן. ביז צו דער חופּה, האָט די כלה נישט געהאַט געזען איר חתן. צו דער חתונה איז זי אַלט געווען דאָס 18־טע יאָר. דער חתן איז געווען אַ זון פון אַ לובלינער הויז־אייגנטימער (שי־פער), וואָס האָט געוואָלט מיט דעם שידוך זיך איינקויפן יחוס.

דער יונגער איידעם האָט געגעסן קעסט און געלערנט. בעלאַ (ביילע) האָט גענומען אַרבעטן ביים טאַטן אין געשעפט. זי האָט מיטן מאַן געהאַט צוויי יינגלעך. דאָס משפחה־לעבן האָט אָבער ביים יונגן פּאָרפאָלק נישט געקלאַפּט. בעת דער מאַן איז געווען אַן אָפּגעהיטענער פרומער חסיד, איז ביי בעלאַ, בשעת די פּאָר יאָר לעבן מיטן מאַן, פאָרגעקומען אַן אידעאָלאָגישע גייסטיקע עוואָלוציע. זיין אַ שטוב־זיצערין האָט איר מער נישט געקענט באַפרידיקן. זי האָט גענומען טראַכטן מיט פרייע וועלט־

לעכע באַגריפן און לסוף, זיך געגט מיטן מאַן. די צוויי קינדער האָט זי גענומען צו זיך. זי האָט איבערגעריסן די אַרבעט ביים פאָטער און אָנגעהויבן אַרבעטן, ווי אַן אָנגעשטעלטע, אַלס אַ בוכהאַלטערין.

זי האָט מיט מעשים באַוויזן צו פאַרטיידיקן אירע רעכט פון אַ פרוי, וואָס זוכט זעלבסטשטענדיקייט. די צוויי טאַטן — דאָס גטן זיך מיטן מאַן, און אָנהויבן אַרבעטן מחוץ דער משפחה — דאָס איז אַדורך מיט טיפע פּסיכאָלאָגישע ליידן און איבער־לעבונגען, סיי ביי איר און סיי אין דער גאַנצער נאָענטער משפחה אירער.

באַזונדערס שטאַרק האָט דערפון געליטן בעלאָס מוטער; די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט און אַפילו גוט זיך פאַרשטאַנען.

דאָ האָט זיך אָבער גלייך אַרויסגעוויזן בעלאָס שטאַרקער כאַראַקטער.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז בעלאָס פאָטער גע־שטאָרבן און זי איז אַריבער ווינען מיט די קינדער צו דער מוטער. איר טיפע ליבשאַפט און דרך ארץ פאַר דער מאַמען איז געקומען צום אויסדרוק אַפילו דאַן, ווען זי איז שוין געווען די אָנערקענטע פירערין פון דער בונדישער באַוועגונג אין לובלין. זי האָט זיך קיינמאָל נישט דערלויבט צו פאַרלעצן די רעליגיעזע געפילן פון דער מוטער, איר ווי צו טאָן אויף דעם געביט אין שטוב. ראש השנה און יום־כיפור האָט מען געקענט בעלאַ זען באַגלייטן די מוטער אין שול אַריין צום דאַווענען אין רבנים־הויף פון ר׳ שלמהלע אייגער. אַלע האָבן בעלאָס זשעסט פאַרשטאַנען ווי אַן אַקט פון נישט ווי טאָן אַ צווייטן; בפרט נאָך, ווען ס׳האַנדלט זיך אין איר אייגענער מאַמען, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט און הויך געשעצט.

ווען בעלאַ איז געוואָרן אַקטיוו אין דעם יידיש־דעמאָקראַ־

טישן קולטור־פאַראיין „„הזמיר״, האָבן אַלע אין איר דערזען אַ בפירושן אויפגייענדיקן שטערן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אויפן לובלינער הימל. זי איז גאָר גיך אויסגעוויילט געוואָרן פאַר דער סעקרעטאַרין פון דער קולטור־געזעלשאַפט.

דער „הזמיר״ איז געווען די איינציקע קולטור־געזעלשאַפט, וואָס איז אין צאַרישן רוסלאַנד פאַר דער מלחמה געווען לעגאַל. בעת לובלין האָט זיך געפונען אונטער דער עסטרייכישער אָקו־פאַציע, אין די יאָרן 1914 — 1918, האָבן גענומען בלאָזן אַ ביסל לינדערע ווינטן. עס האָבן זיך געשאַפן אַ ריי אינסטיטוציעס און אַפילו פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן גענומען זיין טעטיק האַלב־לעגאַל. צווישן די קולטור־אינסטיטוציעס וואָס האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן לעגאַל, איז אויך געווען די בונדישע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון בראָניסלאַוו גראָסער. די ביבליאָ־טעק האָט אויך אָרגאַניזירט אונטערנעמונגען מיט רעפעראַטן איבער קולטור־פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט אַן ענלעכקייט מיט די באַרירטע טעמעס פון דער קולטור־אַרבעט אין „הזמיר״.

יחיאל ניימאַן

אין אָנהויב פון יאָר 1918, האָט דער אומלעגאַלער בונדישער צענטער אין וואַרשע געשיקט קיין לובלין דעם חבר יחיאל ניימאַן. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ הויכער קולטור, און געהאַט האָט ער אַ נאַטור פון אַ פּאָעט.

אָט ווי עס שרייבט וועגן אים דער מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד פון 1914 ביז דער שפּאַלטונג אין 1921, הערשל מעטאַלאָוויעץ (הערש־לייב בעקערקונץ):

יחיאל ניימאַן האָט אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון

„בונד״ פאַרנומען אַן אייגנאַרטיק אָרט, און אַן אייגנאַרטיק אָרט האָט ער אויך פאַרנומען אין געזעלשאַפטלעכן און אין מיין פּער־זענלעכן לעבן. מיינע שמועסן מיט יחיאל ניימאַן האָבן כמעט שטענדיק געטראָגן אַ רוחניותדיקן כאַראַקטער. כּיל, ווי מיר האָבן אים היימיש גערופן, איז אין זיין מהות געווען אַן אינטע־לעקטואַל. כּיל איז געווען פאַרליבט אין דער מוזיק פון באַכן און בעטהאָווענען. ער פלעגט עקספּראָמפּט איבערזעצן לידער פון באַליבטן פוילישן דיכטער נאָרוויד. ער פלעגט מיר דערציילן וועגן פוילישן משיחיזם פון טאַוואַנסקי, וועגן דער גרויסקייט פון די ווערק פון שמעון אַשכנזי איבער דער געשיכטע פון פוילן. מיט קינהדיקער הנאה פלעג איך זיך צוקוקן צו זיין שרייבן, ווי ער מאַכט אַ נומער „דער לעדער־אַרבעטער״, און ווי פאַכמעניש ער רעדאַגירט די צייטשריפט.

אָבער ווען די אומשטענדן האָבן עס געפאָדערט, האָט ער אויך אַדורכגעפירט פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט.

בעת אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין וואַרשע, אָנהויב 1917, איז דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט געלונגען צו אַרעסטירן די גאַנצע בונדישע אָנפירערשאַפט. ניימאַן, נאָך דאַן אַ יונגער מענטש, האָט זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט און גלענצנדיק זיך אַן עצה געגעבן מיט דער פאַרצווייגטער פּאָליטיש־פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט. ער האָט זיין מיסיע אויסגעפירט אויפן בעסטן אופן.

אָנהויב יאָר 1918 האָט מען אים געשיקט קיין לובלין. בעת אין לובלין האָט זיך געשאַפן, אין 1918, דער אַרבעטער־ראַט, האָט ער צוזאַמען מיט הענריק ערליך פאַרטרעטן די בונדישע אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ דאַנק ניימאַנס איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט, האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און די ווירט־שאַפטלעכע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. גאָר באַזונדערס איז ניי־

מאַן געווען טעטיק ביי דער קולטור־אַרבעט. דאָ איז ער געקומען אין ענגע פאַרבינדונגען מיטן „הזמיר".

ניימאַן האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע אויסווירקונג אויף דער מוזיקער קולטור־געזעלשאַפט, ווי אויך אויף איר סעקרעטאַרין, בעלאַ שאַפּירא. אַזוי אַרום, האָט זיך גענומען קאָאָרדינירן די טעטיקייט אירע מיט דער גראָסער־ביבליאָטעק.

נאָך זיין צוריקקערן זיך קיין וואַרשע, ווערט ניימאַן סעקרעטאַר פון לעדער־פאַראיין. אין די שטורמישע דיסקוסיעס אין די רייען פון „בונד" איז ער צווישן די מיטגרינדער פון קאָמבונד, אָבער בעת דער קאָמבונד גיט זיין אָנשלוס אין דער פויליש־קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ציט ער זיך צוריק פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און עמיגרירט קיין בערלין. נאָכן פאַרענדיקן אַ קורס פון מאָדעלירן דאַמען־מאַנטלען, באַזעצט ער זיך אין פּאַריז און אַרבעט ביי זיין פאַך. ער האָט זיך פּאָליטיש נישט אַנגאַזשירט. אָבער ער טרעט אַרויס מיט רעפעראַטן און לעקציעס אין דער קולטור־ליגע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון די יידישע קאָמוניסטן.

בעת די גרויסע מאָסקווער פּראָצעסן פון 1936 רייסט ער פולשטענדיק איבער זיין לויזע פאַרבינדונג מיט די קאָמוניסטן, צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיווע טוער, ווי דער אַלטער היסטאָרישער רעוואָלוציאָנער שאַרל (חנא) ראַפּאַפּאָרט, אַלעקסאַנדער מינץ, פייוול שראַגער, שמעון באָרנשטיין, קובאַ גאָלדבערג און אַנדערע. כיל ניימאַן שליסט זיך אָפיציעל אָן אין „בונד", איז אַקטיוו אין פעריאָד פון ווידערשטאַנד. נאָך דער מלחמה איז ער רעדאַקטאָר פון דער בונדישער טאָגצייטונג „אונדזער שטימע", אַקטיווער טוער אין קולטור־קאָנגרעס. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, אין 1954, האָט ער באַשיינט און באַרייכערט מיט זיין וויסן און קענטענישן דאָס יידישע קולטור־לעבן אין פּאַריז.

פּאָליטישע אַנגאַזשירונג

אין נאָוועמבער 1918 האָט זיך בעלאַ שאַפּיראָ אָפּיציעל אָנגעשלאָסן אין דער בונדישער באַוועגונג, און דאָ גלייך געפונען אַ ברייט פעלד פון אַרבעט. זי האָט אַרויסגעוויזן אירע גרויסע פעאיקייטן נישט בלויז אין דער קולטור־טעטיקייט, ווו זי פלעגט אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן און לעקציעס אין די פאַראייִנען און אין די יוגנט־קרייזן. זי האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט איר פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער טעטיקייט.

אין 1919 איז זי, צום ערשטן מאָל, אַ קאַנדידאַטין צום לובלינער שטאָט־ראַט און זי ווערט אויסגעוויילט.

איר לאָגישע שפּראַך און קלאָרע געדאַנקען רוקן זי גלייך אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן. זי ווערט די פּאַקטישע פירערין פון דער בונדישער פראַקציע. אירע רעדעס אין שטאָט־ראַט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער גוטער קענטעניש פון דער שטאָט־ווירטשאַפט. דאָס האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ צו איר, נישט בלויז פון פריינט, נאָר אַפילו פון די פאַרביסענע שונאים און אַנטיסעמיטן.

אין יאָר 1920, נאָכן פּוילישן אָנפאַל און פאַרכאַפּן ערד פון סאָוויעטישן אוקראַינע, וואָס האָט גורם געווען צו דער מלחמה צווישן פּוילן און דעם ראַטנפאַרבאַנד, איז בעלאַ שאַפּיראָ אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער רעדע אויף אַ זיצונג פון שטאָט־ראַט און פאַראורטיילט די מלחמה, וואָס די יונגע פּוילישע מלוכה האָט פּראָוואָצירט. פאַר דעם מוטיקן אַרויסטריט איז בעלא שאַפּיראָ געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער

זיין דאָמביע, נעבן קראָקע. שפּעטער, איז זי געוואָרן פאַרמשפּט אויף דריי יאָר תפיסה. אַ דאַנק דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע, איז זי באַפרייט געוואָרן נאָך איין יאָר זיצן אין דער טורמע, ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט.

גלייך נאָך דער באַפרייאונג, שטעלט זי זיך תיכף צו דער אַרבעט אין בונד און אין שטאָט־ראָט. זי האָט אונטערגענומען אַ קאַמף, און נישט גערוט, ביז אַלע לאָקאַלן פון דעם בונד און זיינע אינסטיטוציעס, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן בעת איר אַרעסט, זענען געעפנט געוואָרן און באַקומען אויפסניי די לעגאַלע רעכט צו פירן זייערע טעטיקייטן.

אַנטשטייונג פון יידיש־וועלטלעך שולוועזן אין לובלין

דעם 15־טן נאָוועמבער 1919 האָט מען פייערלעך דערעפנט אין לובלין אַ פאָלקסשול פאַר אַרבעטער־קינדער. אין זעלבן פעריאָד האָבן אויך די לינקע פועלי־ציון געעפנט אַ יידישע פאָלקס־שול. אין 1920 זענען געעפנט געוואָרן אָוונט־קורסן פאַר יידישער אַרבעטער־יוגנט.

דאָס יידיש־וועלטלעכע שול־וועזן איז אין לובלין אויסגעוואַקסן אין קאַמף מיט נויט און דחקות, פול מיט ליידן און קרבנות־גרייטקייט פון אירע טוער, ווי אויך פון די עלטערן פון די שול־קינדער.

אין 1924 האָט ענדלעך די פוילישע מאַכט לעגאַליזירט די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע „צישאָ״. צו איר האָבן אָנגעהערט די דריי פּאָליטישע באַוועגונגען, וואָס האָבן געשאַפן און אויסגעטראָגן דאָס יידיש־וועלטלעכע שול־וועזן: בונד, לינקע פועלי־ציון און די פאָלקס־פאַרטיי. דאָס פּרעזידיום פון

דער לובלינער אָפּטיילונג פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, אָנהייבנ־דיק פון איר גרינדונג, איז געווען טויבע ליבערמאַן, שלמה מיטעלמאַן, יעקב ניסענבוים (שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פונעם „לובלינער טאָגבלאַט״), אברהם פיינזילבער. אַלס פּאָרזיצערין איז געווילט געוואָרן די אַממייסטן פּאָפּולערע פּאָליטישע קול־טור־פּערזענלעכקייט, בעלאַ שאַפּירא. וויפל מסירות־נפש און אָנשטרענגונג האָט זיך געפאָדערט טאָג־טעגלעך פונעם קאָמי־טעט פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, בכדי אויפצוהאַלטן אַ 7־קלאַ־סיקע פאָלקסשול, וואָס אין דורשכניט האָט איר חודש־בודזשעט באַטראָפן העכער 3 טויזנט גילדן (זלאָטעס).

בכדי צו קענען אָפּשאַצן וואָס אַ ווערט די סומע פון 3.000 זלאָטעס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין פאַרגלייך מיט אַן אַר־בעטס־לוין אין לובלין, גיב איך איבער, וואָס ס׳האָט געשריבן דער פּראָפעסאָר פון אַ פּריוואַטער יידיש־פּוילישער גימנאַזיע אין לובלין, דר. נחמן בלומענטאַל, אַז אַ לערער האָט פאַר 30 שעה אַרבעט אַ וואָך באַקומען 15 זלאָטעס אַ חודש, און אַ סך מאָל פלעגט ער באַקומען מיט וועקסלען, און וועקסלען זענען נישט תמיד געווען קיין געלט („דאָס בוך פון לובלין״, ז׳ 262).

לויט אַן אַנקעטע פון די „ציש״א״־שולן אין לובלין אין 1937, איז דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די עלטערן פון די קינדער געווען פון די אַרבעטנדיקע שיכטן: 43,6 פּראָצענט פאַבריק־ און וואַרשטאַט־אַרבעטער, 35,3 פּראָצענט כאַלופּניקעס, 6,1 פּראָצענט האַנדלס־ און ביוראָ־אָנגעשטעלטע, צוזאַמען: 85 פּראָצענט. אַזוי אַז ביים בעסטן ווילן פון די עלטערן זענען זיי מאַטעריעל נישט געווען ביכולת צו קענען דעקן די הוצאות פון אויסהאַלטן די שולע. מאַקסימום האָט דער שכר־לימוד אַריינ־געברענגט פון 40 ביז 60 פּראָצענט. דערביי איז ווערט צו דערמאָנען און אונטערצושטרייכן, אַז בלויז דער נאַציאָנאַלער

באַוווּסטזיין האָט אויסגעווירקט, אַז די יידישע עלטערן זאָלן אויסהאַלטן דאָס גאַנצע שול־וועזן פון אַלע ריכטונגען, ווייל די מלוכישע פוילישע פאָלקסשולן זענען געווען אין גאַנצן אומזיסט.

די איבערגעגעבענע טוערס פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, מיט דער מיטהילף פון די אידעאַליסטישע לערערס מיט זייער שטאַרקער ליבע צום יידישן קינד, מיט זייער גרויסער נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט געקוקט אויפן מאַטעריעלן דחקות און די כסדרדיקע רדיפות פון די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען, האָבן געשאַפן אַ שוץ־וואַנט פון די עלטערן פון די קינדער און פון דער גאַנצער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין שטאָט, דורך אַדורכפירן פאַרשידענע זאַמלונגען און עפנטלעכע אונטערנעמונגען לטובת דער שול. אויך די צענטראַלע פון דער „ציש״א״ אין וואַרשע האָט טיילווייז מיטגעהאָלפן, אַ דאַנק די הילפס־אַקציעס פון אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע. ווייל דער עיקר האָט מען פון דער הילף געדאַרפט אויסהאַלטן די צענטראַלע לערן־אַנשטאַלטן, (לערער סעמינאַר, לערער קוואַליפיקאַציע־קורסן, אינסטרוקטאָרן, א. אַז. וו.).

מיט כבוד און פאַרערונג וועל איך דערמאָנען בלויז געציילטע לערערס פון די לובלינער „ציש״א״־שולן, וואָס מיר איז געלונגען אָפּצוגעפינען זייערע פאַמיליע־נעמען: בערגער, לערערין פון צייכענען; גוטמאַן, רייזל, איינע פון די פיר שוועסטער לערערינס, וואָס זענען אַלע אומגעקומען. פון טאַטנס צד האָבן זיי געשטאַמט פון 7־טן דור פון ר׳ ישראל בעל־שם טוב. רייזל — ווי עס שרייבט דער פאָרזיצער פון „ציש״א״, ח. ש. קאַזשדאַן — האָט געאַרבעט שטיל און באַשיידן, נישט שטרעבנדיק צו פאַרנעמען קיין פּאָזיציע אין דער באַוועגונג. זי האָט געטראָגן מיט יראת־הכבוד די ליים און ציגל אויף אירע צאַרטע חסידישע

אַקסלען. ליזאַ האָלצמאַן, אין 1937 איז זי געווען די פּראָוואָל־טערין פון דער י. ל. פּרץ־שול; ליאָדזשע מיאַדאָוויניק; קרוסמאַן, לערער אין דער י. ל. פּרץ־שול, נעמט אויך אָן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכער בונדישער טעטיקייט, פּירט אָן מיט דער „צוקונפט״. פאַר די יידישע לערערס איז לערעריי נישט בלויז געווען אַ פאַך, נאָר אַ הייליקע עבודה. בעלאַ, די לעגענדאַרע בונדיסטקע, ווי עס באַצייכנט זי דער „צישאָ״־פּאָרזיצער ח. ש. קאַזשדאַן, פאַרנעמט דעם אַמט פון פּאָרזיצערין פונעם לובלינער שול־קאָמיטעט, ביז צום אויסברוך פון דער בלוטיקער היטלער־אינוואַזיע.

בעלאַ איז נישט בלויז געווען סתם אַ פּאָרזיצערין. זי איז געווען די נשמה פון דער שולע, ווו ס׳האָבן זיך געלערנט העכער 250 קינדער. זי האָט די קינדער אַרויסגעוויזן מוטער־לעכע ליבע און איבערגעגעבנקייט; זי האָט זיי נישט אַנדערש גערופן ווי נאָר „מיינע קינדער״! בעלאַס ליבשאַפט איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אַריבער צו די אַלע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. ווי אַ לייב האָט זי געקעמפט פאַר באַקומען סובסידיעס פון שטאָט־ראַט, פון דער יידישער קהילה. זי האָט מאָראַליש געווירקט אויף דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע, זיי זאָלן שיקן מאַטעריעלע הילף.

אין די ערשטע יאָרן פלעגט מען די קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט געבן אין דער שולע, יעדן טאָג, אַ גלאָז מילך. צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן, האָט מען דאָס שפּעטער געמוזט רעדוצירן. און דאָך, האָט מען, ביז צום לעצטן מאָמענט, ערב דער היטלעריסטישער אינוואַזיע, דערלאַנגט די 60 קינדער פון קינדער־גאָרטן, יעדן טאָג — אַ גלאָז מילך מיט אַ זעמל. גאָר אַ סך האָט צו דעם צוגעהאָלפן די פּאָרזיצערין פון דער פרויען־אָרגאַניזאַציע, וועמענס נאָמען איך דערמאָן דאָ מיט כבוד: דאָס איז די פרוי לאה קוטשער ז״ל, די פרייוויליקע

פראַקטישע אויספירערין. זי האָט נישט ווייניק צוגעטראָגן פון איר אייגענער קעשענע; איר מאַן איז געווען אַ בעסער־סיטו־אירטער שניידער.

איז אַזאַ פרוי נישט אַ כבוד פאַר אַ יידישער קהילה? מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז 80 — 90 פראָצענט קינדער, וואָס זענען געגאַנגען אין קינדער־גאָרטן האָבן אין זייערע אָרעמע היימען זעלטן באַקומען אַ זעמל מיט אַ גלאָז מילך.

די פרוי קוטשער האָט זיך אויך געגרויסט, אַז ביי איר אין שטוב איז פאָרגעקומען די עפענונג־זיצונג פונעם ערשטן אומ־לעגאַלן צוזאַמענפאָר פון פוילישן בונד אין 1917. צוזאַמען מיט איר מאַן האָט זי געטיילט דעם גורל פון די מיליאָנען קדושים.

איר רעוואָלוציאָנערן גייסט האָט פאַרגעזעצט איר טאַלאַנט־פולער זון, אברהם, וועלכער האָט פאַרענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט און מיטגעאַרבעט אין לינקן ליטעראַרישן זשורנאַל „לעוואַר״. אין סעפטעמבער 1939 איז ער מיט זיין פרוי און צוויי־יאָריק טעכטערל, סילוויע, אַוועק פון באַלאַגערטן וואַרשע קיין לובלין, און פון דאָרטן אין אַ קליין שטעטל זאַפּיוווקע (לוצקער וואָיעוואָדשאַפט). ווען די דייטשן האָבן איינגעשטעלט אַ געטאָ אין שטעטל, האָט ער מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע געשאַפן אַ זעלבסטשוץ. ביים איינשאַפן געווער האָט ער זיך באַקאַנט מיטן פּאָליאַק שוויעטאַל, וועלכער האָט זיך אויך באַטייליקט אין קאַמף קעגן די דייטשן. אים האָט ער אָנפאַרטרויט אויסצובאַהאַלטן דאָס טעכטערל.

אים האָט זיך איינגעגעבן, צוזאַמען מיט נאָך יוגנטלעכע, אַרויסצובאַקומען זיך פון געטאָ און אַוועק אין וואַלד, ווו זיי האָבן געשאַפן די יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין יענעם ראַיאָן. אין אָנהויב האָבן זיי געקעמפט אַליין, מיט דער צייט האָט זיך דער אָטריאַד פאַרגרעסערט ביז 70 מאַן. אַלס קאָמאַנדיר איז אויס־געקליבן געוואָרן חיים (פּיעטיאַ) וואַטשין און אַלס קאָמיסאַר דער

זשורנאַליסט קוטשער. זיי האָבן דורך די וואַלד־וועכטער זיך איינגעשאַפּן געווער, געקעמפּט קעגן די דייטשן, און אויך נקמה גענומען אין די פּויערים, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און געמאָרדעט יידן. שפּעטער האָט זיך דער אָטריאַד אָנגעשלאָסן אין גענעראַל קאָופּאַקס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי. בעת איינע פון די אַקציעס אָפּצורייסן אַ מיליטערישן טראַנספּאָרט, איז אברהם קוטשער געוואָרן פאַרוווּנדעט. אַ סאָוויעטישער אַעראָפּלאַן איז געקומען צונעמען די פאַרוווּנדעטע. אויפן וועג קיין מאָסקווע איז דער אַעראָפּלאַן געוואָרן אַראָפּגעשאָסן און דער העלדישער לובלינער קעמפער איז אומגעקומען. (לויטן בוך פון משה קאַגאַנאָוויטש „וועגן יידישע פּאַרטיזאַנער פון זאַפּיוווקע", ז' 126).

אַדאַנק דער טאָכטער פון דער משפחה קוטשער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד. נאָך איר רעפּאַטריאַציע האָט זי אויסגעפונען דעם ברודערס טעכטערל, וועלכע וווינט היינט אין ישראל. (דערציילט פון סילוויע קוטשער־וואַקסמאַן, אין „קול לובלין" נומער 4, 1970).

מע נעמט בויען אַ היים פאַר דער יידיש־וועלטלעכער שול

צוליב דעם נישט־פּאַסיקן שול־לאָקאַל, האָבן די פּוילישע מאַכט־אויטאָריטעטן, די אַנטיסעמיטן, כסדר געדראָט צו שליסן די יידישע שול. נאָר אַ דאַנק בעלאָס אומדערמידלעכער אָנ־שטרענגונג, אַ דאַנק איר פּרעסטיזש, איז איר געלונגען אָפּצו־שרייען די גזירה און אַדורכצופירן צוויי לערן־יאָרן, פון 1935 און 1936. צום סוף האָט זי צוגעזאָגט, אַז מען וועט בויען אַ ניי הויז פאַר דער שול, אַ זאַך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַזיע, ווייל ס'איז דערצו נישט געווען קיין שום מיטלען.

זי האָט אָבער דאָך באַוויזן צו באַגייסטערן מיטן פּלאַן די

אַרבעטנדיקע ייִדישע באַפעלקערונג. זי האָט זיך אויך געוואָנדן צו דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע. איר בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין לובלינער זשורנאַל פון ניו־יאָרק אין דעצעמבער 1935:

„חשובע חברים, לובלינער לאַנדסלייט!

„די 7־קלאַסיקע פאָלקס־שול, וואָס מיר האַלטן אויס, געפינט זיך אויף לובאַרטאָווסקי־גאַס נומ׳ 29, אין וועל־כער עס לערנען עטלעכע הונדערט קינדער פון אָרעמע אַרבעטער און האַנטווערקער.

„די שול ווערט געפירט אין דער ייִדישער אונטער־ריכט־שפּראַך, האָט אַ וועלטלעך־ראַדיקאַלן אינהאַלט. נישט קיין וווּנדער, וואָס ביי די איצטיקע פּאָליטישע באַדינ־גונגען ביי אונדז, ווערט זי נישט בלויז מיט קיין גראָשן נישט געשטיצט פון דער מלוכה און נישט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, נאָר אויך גאַנץ אָפן גערודפט.

„אַ חוץ וואָס מיר אַליין וואָלטן געוואָלט, מיט אַלע כוחות פאַרשענערן און פאַרבעסערן דעם אופן פון לערנען, דעם אויסזען פון די קלאַסן, שאַפן פאַר דער שול אַן אמתע ליכטיקע שיינע היים פאַר קינדער, וואָס קומען צו אונדז פון די נאַסע קעלערן און בוידעם־שטיבלעך, פאָ־דערט אויך די שול־מאַכט, אַז די שול זאָל זיין באַזאָרגט מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, ווען נישט וועט זי די שול פאַרמאַכן. די פינאַנציעלע לאַגע, אָבער, צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן אין גאַנץ פוילן, איז אייך געוויס באַקאַנט. שוין עטלעכע יאָר הערשט ביי אונדז אַ מורא־דיקער קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט. דער אַרבעטס־מענטש איז אויסערגעוויינלעך פאַראָרעמט, דער לעבנס־ניוואָ איז אַראָפּגעדריקט ביזן לעצטן מינימום. דאָס אַלץ

פילט זיך אין לובלין, אפשר שטאַרקער נאָך ווי אומעטום. לובלין איז איינע פון די אָרעמסטע שטעט אין גאַנצן לאַנד, קענט איר זיך שוין אַליין פאָרשטעלן, ווי אַזוי אונדז קומט אויס ממש מיט די ציין איינצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון אונדזער קולטור־ווינקל. דאָך, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, שטייען מיר נישט אָפּ און פירן אומדערמידלעך אונדזער אַרבעט ווייטער.

„נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן בויען מיר ווייטער דעם שול־בנין מיט דער גרעסטער מסירת־נפש. עס הונגערן די לערער, עס מאַטערן זיך די שול־טוער, אָבער מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון וואָס עס וואָלט באַדייט פאַר דער מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער מאַסן־קולטור דער אונטערגאַנג פון אונדזערע שולן. קיין שום קרבן איז דעריבער נישט שווער.

„נאָך דעם ווי די שול־מאַכט האָט געפּסלט אונדזער בנין פאַר אַ שול, זענען מיר געצוווּנגען געווען צוצוגיין צו אַ זאַמלונגס־אַקציע צו בויען אַן אייגן פאָלקס־הויז; צו דעם צוועק, האָבן מיר לעגאַליזירט אַ געזעלשאַפט א. נ. „קאָמיטעט צו בויען אַ פאָלקס־הויז". אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט שטייען די אַלטע, באַקאַנטע פריינט: די חברטע בעלאַ שאַפּיראָ, רעדאַקטאָר י. ניסענבוים, ב. קרעמפּעל, אַדוואָקאַט באַך, דר. הערשנהאָרן, און אַנדערע. אַלע ווייסן דעם שווערן עול, וואָס מיר נעמען אויף זיך; יעדער ווייסט, וויפל ענערגיע מען וועט דאַרפן פּטרן דאָס צו רעאַליזירן. אויף אונדזער אַגיטאַציע פאַררופן מיר זיך, אַז די לובלינער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק קומען אונדז צו הילף. עס פרייט אונדז און שטאַרקט אונדז דער פאַקט, וואָס די לובלינער אויף יענער זייט ים האָבן זיך

אַזוי וואַרעם און האַרציק אָפּגערופן אויף אונדזער אַפּעל, און געגרינדעט דעם הילפס־קאָמיטעט פאַר די י. ל. פּרץ־פאָלקס־שולן אין לובלין. מיר האָבן אויף געווינטשטע רעזולטאַטן.

„דערלויבט אונדז אויסצודריקן אייך אַ האַרציקן און ברידערלעכן ישר־כוח פאַר אייערע חברישע וואַרעמע פאַראינטערעסירונגען, וואָס איר ווייזט אַרויס פאַר אונדזער אַרבעט בכלל און פאַר אונדזער ליבער שול בפרט".

מיט פולער אַכטונג און פריינטלעכסטע גרוסן,

פאַר שול־קוראַטאָריום אין לובלין

פאָרזיצער: בעלאַ שאַפּיראָ

מען האָט זיך פרייוויליק איינגעשפּאַנט און געברענגט הילף. דאָס איז געוואָרן די אַמביציע פון עטלעכע טויזנט אַנטיילנעמער, וואָס האָבן געשטרעבט אויפצושטעלן אַ קולטור־הויז אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ.

ליידער איז נישט באַשערט געווען, נישט די יידישע קינדערלעך און נישט דער מאַמען, וואָס איז געווען די נשמה פון פּראָיעקט, אַריינצוקומען אין דעם פולשטענדיק אויסגעפּאַרטיקטן גרויסן קולטור־הויז אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, וואָס האָט אויך געזאָלט דינען ווי אַ לאָקאַל פאַר דער זיבן־קלאַסיקער פאָלקס־שולע און אויך פאַר אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי אַ קינדער־היים, אַ גרויסער טעאַטער און ספּאָרט־זאַל, ביבליאָטעק, זאַלן פאַר כאָר און בלאַז־אָרקעסטער א. אַנד.

די ליבשאַפט צום יידישן וואָרט און צום יידישן קינד איז געווען איר אינערלעכער מאָטאָ, וואָס האָט זי אַליין באַגייסטערט. דאָס אינערלעכע פייער פון איר ליבשאַפט, האָט זי אויך באַ־

וויזן איבערצוגעבן דעם ברייטן קרייז אַקטיוויסטן, פּשוטע פֿאָלקס מענטשן. זיי זענען געווען די בויער פֿון דעם קולטור־הויז.

איצט זענען די יורשים פֿון די פֿאַרבליבענע צוויי לערן־אַנשטאַלטן — ישיבת חכמי לובלין, און דאָס קולטור־הויז א. נ. פֿון י. ל. פּרץ, וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרן אין סאַמע צענ־טער, אינעם האַרץ פֿון יידישן לובלין — צופּעליק,ביידע אויף דער זעלבער גאַס — אונזערע 800־יאָריקע פּוילישע שכנים, וואָס האָבן דירעקט און אומדירעקט מיטגעהאָלפֿן די בלוטיקע דייטשע נאַציס אין זייער מאָרד און פֿאַרניכטונג פֿון דעם יידישן ישוב אין פּוילן.

דער געוועזענער סעקרעטאַר פֿון יידישן קולטור־פֿאַרבאַנד אין לובלין, אברהם קליגער, שרייבט אין „קול לובלין" פֿון 1978, אַז אין די גוטע מאַסיוו געבויטע שול־געביידעס געפֿינט זיך איצט אַ מעדיצינישע שולע און אַ וויסנשאַפֿטלעכער אַגריקולטור־אינ־סטיטוט. בכדי צו פֿאַרווישן די היסטאָרישע שפּורן האָט מען אָפּ־געוואָרפֿן די בקשה פֿון קולטור־פֿאַרבאַנד וועגן איבערלאָזן די אויסגעקריצטע יידישע אותיות, אַפֿילו נישט פֿאַראַן קיין אָנדענק־טאָוול.

די אומדערמידלעכע טעטיקייט פֿון בעלא שאַפּיראָ אין שטאָט־ראַט, איר אַרבעט אויף אַלע געביטן פֿון פּאָליטיש־געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן האָט מיטגעהאָלפֿן צו שטאַרקן דעם בונדישן איינפֿלוס. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק ביי די צווייטע וואַלן צום שטאָט־ראַט אין 1927, ווען נישט געקוקט אויף די רדיפֿות פֿון די רעאַקציאָנערע מאַכטהאָבער, האָט די בונדישע ליסטע, אָנגעפֿירט פֿון בעלאַ, באַקומען 8 מאַנדאַטן פֿון די 16 יידישע פֿאָרשטייער. אַפֿילו ביי די לעצטע וואַלן, אין 1938, כאָטש די סאַנאַציע האָט מיט אירע וואַל־מאַכינאַציעס פֿאַרקלענערט די יידישע פֿאָרשטייערשאַפֿט, זענען פֿון די 10 יידישע ראַטמענער, געוויילט געוואָרן 8 מאַנדאַטן אויף דער בונדישער ליסטע.

אַ גרויסע ראָלע שפּילן אַוודאי די אָנפירנדיקע מענטשן — אין יעדער באַוועגונג. אויב די מענטשן זענען ערלעכע און אי־בערגעגעבענע אידעאַליסטן, פאַרמאָגן ליבשאַפט צום פאָלק און אַרבעטן מיט נשמה. אין לובלין זענען דערפאַר געווען טיפע וואָרצלען.

אָט, שרייבט אין זיין פּראָזע־בוך, דער גרויסער לובלינער בן־עיר, דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין („ווען יאש איז גע־פאָרן״):

„פאָרנדיק מיט דער שיף אַהיים, מיט סאָוויעטישע יונגע ספּעציאַליסטן, וואָס צוריקפאָרנדיק פון אַמעריקע, האָבן זיי גע־האַלטן אין איין רימען די נייע וועלט, האָט זיך ביי מיר געלייגט אויפן שכל, אַז מיין לובלין פון 1905 האָט אויסגעכאָוועט און אויסגעווייטיקט אָט די פיינע יונגען, מיינע שניידערס, שוסטערס און נייטאָרינס, וואָס האָבן געפוכנעט פון הונגער. מאָסקווע דאַרף זיך נישט בלאָזן. איר מעג איצט אָנשטיין צו וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ לובלין אויף דער וועלט״.

אין יעקב גלאַטשטיינס ז״ל באַגריסונג צו דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז צו איר 35 יאָריקער עקזיסטענץ, אין יאָר 1964, באַגעגענען מיר ענלעכע געדאַנקען:

„לובלין, מיין הייליקע שטאָט, שטאָט פון אויפגעוואַכטן קלאַסן־קאַמף! דיינע שניידער־יונגען, שוסטער־יונגען, דיינע גע־זעלן און משרתים זענען אויפגעשטאַנען איינצופירן יושר, גלייכ־הייט, ברידערלעכקייט פאַר אַלע חברים און בירגער; אַ הייליקער פלאַם האָט זיי געלייטערט!״.

אָט דער פלאַם פון יושר און ברידערלעכקייט, פון סאָציאַ־

ליזם, האָט בעלאַ געלייטערט. דאָס איז געווען איר ווענגווייזער!

אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לובלין, זענען צייטנווייז געווען טעטיק צענטראַלע אָנפירנ־דיקע טוער — שוין אין יאָר 1902. דאָ, האָט דער רעדאַקטאָר פון די פּ.פּ.ס.־אישע יידישע צייטונגען „דער קאַמף", „אַרבעטער־שטימע פון ליטע" — מנחם וויינער („זיידקע") — אָנגעפירט אַ לענגערע צייט מיט דער יידישער פּ.פּ.ס.־אישער גרופּע. דאָ האָבן געווירקט שרה שוועבער, די לעגענדאַרע בונדישע רע־וואָלוציאָנערקע פון 1905, געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „די שוואַרצע פעסל". אין אומאָפּהענגיקן פּוילן געווען סעקרעטאַר פון דער צענטראַלע פון די יידישע באַקלייד־אַרבעטער. און נחום כאַנין, דער שפּעטערדיקער אָנפירער פון יידישן אַרבעטער־קאָ־מיטעט אין אַמעריקע, וואָס האָט פאַרשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין פעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט העלפן ראַ־טעווען צענדליקער יידישע אַרבעטער־טוער; מיטן ברענגען זיי קיין אַמעריקע, ווי אויך אַנדערע סאָציאַליסטישע טוער. אַזוי איז געקומען קיין אַמעריקע דער סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פרידריך אַדלער; ווילהעלם עלענבויגן; די אַלמנה פון אָטאָ באַוער, און צענדליקער אַנדערע. אויך נאָך דער מלחמה האָט דער קאָמיטעט בייגעטראָגן פינאַנסיעלע הילף פאַר שארית הפליטה.

אין יאָר 1927 איז בעלאַ געווען לאַווניק אין מאַגיסטראַט און דאָרט אָנגעפירט מיט דער ווירטשאַפטס־אָפּטיילונג. אונטער איר לייטונג ווערט די אָפּטיילונג די סאַמע לעבעדיקסטע. אין די אַמט־שעהן האָט מען שטענדיק געטראָפן מענטשן, סיי פון דער יידישער באַפעלקערונג און סיי פון דער פּוילישער. די טויערן פון מאַגיסטראַט זענען געעפנט געוואָרן פאַר דער יידישער אָרעמקייט.

אָפּרופֿן פֿון געציילטע לעבן פֿאַרבליבענע עדות

איך האָב געשמועסט מיט אַ ריי לובלינער יידן און יעדער פֿון זיי האָט מיר געהאַט וואָס צו דערציילן וועגן די אינטער-ווענצן, וואָס בעלאַ האָט געמאַכט, וועגן אירע אָנשטרענגונגען און באַמיאונגען צו העלפֿן אָרעמע מענטשן ביי פֿאַרשידענע עקסמי-סיעס. זי איז שטענדיק גרייט געווען צו טאָן אַ טובה.

כאָטש דערצויגן איז זי געווען אין די דינים שבין אדם למקום, האָט זי אָבער הויך געהאַלטן דעם דין שבין אדם לחברו!

איינער אַ לובלינער, פֿרידמאַן, דערציילט אַזוי:

„מיין פֿאָטער איז געווען אַ היטל-מאַכער, אַ ייד אַן אָרעמאַן. גאָר אַ פֿרומער, איז ער געווען אַ גבאי אין זיין שילעכל. און ווען מען האָט אַריינגעצויגן עלעקטריש ליכט אין אונדזער געסל אַריין, איז מיין פֿאָטער געוואָרן אַ פֿלאַמיקער חסיד פֿון בעלאַ שאַפּיראָ. זי איז דאָך אַ מלאך געווען! ווייל ווער וואָלט געקענט טראַכטן און גאָר געדענקען וועגן אונדזער פֿאַרוואָרפֿן געסל?”.

אַ קראַשניקער, גאַרפֿינקל, גיט מיר איבער:

„אַ ייִנגל בין איך נאָך געווען, און איך האָב געוואָלט ביי-ווינען אַן ערשטן מאַי יום-טוב אין לובלין. איך האָב זיך, ווייזט אויס, צוגעקוקט אַ פֿאַרטראַכטער און אַ פֿאַרחלומטער צו דער גרויסער מאַסע מענטשן, וואָס האָט מאַרשירט מיט אַ מונטערער פֿריילעכקייט. און אָן אַ וועלכער סיבה, האָט מען מיך פֿאַרנומען און אַוועקגעפֿירט אין פּאָליציי-צערקל. דאָס האַרץ האָט מיר גע-שראָקן, צי וועט מען מיך נישט אַרעסטירן. און אָט, אין אָוונט,

האָט זיך באַוויזן אַ קראַשניקער חבר, באַגלייט פון בעלא, און אויף איר אינטערווענץ האָט מען מיך באַפרייט".

די שווערע צייטן, וואָס זענען געקומען: דער זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד, וואָס האָט נאָך מער געשטאַרקט די רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם; די קאַמפּאַניע פון באָיקאָט קעגן יידישן האַנדל, וואָס ס'האָבן אַנגעפירט די סאַנאַציע מיט די ענדעקעס; די וויסטע מלחמה קעגן די יידישע קליינהענדלער, וואָס פלעגן פאָרן אויף די יאַרידן אין שטעטלעך און פירן זייער מסחר אויף סטראַגאַנעס; די פּאָגראָמען אין פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק, בריסק; די בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידישע סטודענטן; די וויסטע אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע קעגן דער יידישער שחיטה; דאָס אויפשטעלן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז בערעזע; די שפּאַלטונג ביי דער פּ.פּ.ס.; דער איבערגאַנג פון אַ ריי פּעפּעעסישע שטאָט ראַטמענער צו דער סאַנאַציע — דאָס אַלץ האָט געוואַלדיק שלעכט געווירקט אויף אַלע. באַזונדערס נידערגעשלאָגן זענען געווען די יידישע סאָציאַליסטן, פון דער אָפּשוואַכונג פון דער פּ.פּ.ס.

אויף בעלאַן האָט דאָס נישט געהאַט קיין השפּעה. איר מוט און ענערגיע האָט זיך גאָרנישט פאַרקלענערט. נישט געווען קיין זיצונג אין שטאָט־ראַט, זי זאָל נישט לאָזן הערן איר שטימע. די סאַנאַציע מיט די ענדעקעס האָבן געקריצט מיט די ציין, ביי יעדן איינעם אַרויסטריט פון בעלאַ שאַפּיראָ.

איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט אַ געוועזענער שילערין פון דער יידישער שולע אין לובלין, מיט חוה בראַנד־לאָבערבלאַט. זי האָט בעלאַן געקענט נישט בלויז ווי אַ פירערין פון דער יידישער שול־באַוועגונג און אָנפירערין פון אַנדערע פּאַראַנטווּאָרטלעכע אַרבעטן, וואָס זי האָט אויסגעפירט מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער, ממש איבערמענטשלעכער איבערגעגעבנקייט. זי האָט בעלאַן אויך געקענט פון דער היים. אַ שטיקל צייט נאָכן

פאַרענדיקן די שולע, האָט חוה בראַנד־לאָבערבלאַט געהאַט דאָס גליק צו פאַרטרעטן איר יוגנט־חברטע, חנה מערנשטיין, און זיין די סעקרעטאַרין ביי בעלאַס מאַן, ניסנבוים, דעם רעדאַקטאָר פון דער „לובלינער שטימע". זי האָט צוגעהאָלפן איבערשרייבן די אַרטיקלען, וואָס ניסנבוים האָט איר דיקטירט. ביי דער געלעגנהייט, איז איר אויסגעקומען פיל מאָל צו באַזוכן בעלאַס היים און זי זען פון דער נאָענט.

די שטוב איז ביי בעלא געווען אַן אָפענע. זי פלעגט אויפנעמען מיט ליבשאַפט סתם באַזוכער, וואָס פלעגן קומען בעטן אַ טובה, אַ געפעליקייט, אָדער אַן אינטערווענץ. און דאָס, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט געהאַט, ווי אַ לאַווניק, אָפיציעלע שעהען פון אויפנעמען אינטערעסאַנטן אין שטאָט־ראַט.

אין שטוב אַריין איז מען אָבער געקומען צו איר, ווי צו אַ שכינה, ווי צו אַ נאָענטער גוטער מאַמען. זי פלעגט זיך נעמען צום האַרצן פון יענעמס צער. מען פלעגט קומען צו איר זיך באַראַטן, בעטן אַן עצה, ס'פלעגן קומען צו בעלא אָנפירנדיקע חברים פון דער לובלינער פראָווינץ, פונעם צענטער, ד. ה. פון וואַרשע.

צו די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרדינסטן פון בעלאַ שאַפּיראָ מיט אירע נאָענטע מיטאַרבעטער איז באַזונדערס ווערט אונטערצושטרייכן איר מאָראַלישע ווירקונג פאַר דער אייניקייט אין דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

לובלין איז געווען צווישן די געציילטע אין די גרעסערע שטעט, ווו די קאָמוניסטישע אָפּאָזיציע האָט נישט באַוויזן פאַר אַלע יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות צו שפּאַלטן אָדער אָרגאַניזירן פּאַראַלעלע פראָפ.־פאַראיינען. די אָפּאָזיציע אין קולטור־אַמט פון די פראָפ.־פאַראיינען זענען געווען בלויז די פאָרשטייער פון די לינקע פועלי־ציון.

ווען איך האָב געזען, אויף דער טעלעוויזיע, גאָלדע מאיר; ווען כ׳האָב זי געהערט רעדן, ווען כ׳האָב וועגן איר געלייענט — דערציילט חוה בראַנד־לאָבערבלאַט — האָב איך שטענדיק געהאַט פאַר מיינע אויגן בעלאַן. עפּעס בשותפותדיקעס איז געווען ביי די צוויי גייסטיק שיינע פרויען־געשטאַלטן! אמת, איך האָב נישט פאַרגעסן און נישט פאַרזען, אַז גאָלדע איז אין סכום טעטיקייט געווען אַ נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט. און דאָך, האָב איך זיי פאַרגליכן. זיי האָט פאַראייניקט די מוטער־לעכע ליבשאַפט צו יעדן ליידנדיקן מענטשן, זייער זאָרג פאַרן יידישן פאָלק.ביידע האָט מען הויך געשאַצט פאַר זייער מוט און דרייסטקייט צו פאַרטיידיקן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

ווי לעבעדיק זע איך איר ליכטיק געשטאַלט — זאָגט חוה בראַנד־לאָבערבלאַט. ס׳קלינגען מיר אין די אויערן, ווי ס׳וואָלט געווען אָט, אָט, נעכטן, אירע אומצאָליקע אַרויסטריטן ביי די לובלינער „צוקונפט״־חברים. איך דערמאָן זיך אירע רייד וועגן דער דעמאָלטדיקער לאַגע פון די יידן אין פּוילן, ווען די סאַ־נאַציע פון פּילסודסקי האָט ריוואַליזירט מיט די ענדעקעס און זיי געוואָלט איבערשטייגן מיט אַנטיסעמיטישע מעשים. דער דעמאָלטדיקער פּוילישער אינערן־מיניסטער, סלאַוואָי־סקלאַד־קאָווסקי, האָט אָפיציעל לעגאַליזירט דעם באָיקאָט אויף יידן, דאָס אַרויסשטויסן די העכער דריי מיליאָן יידישע באַפעלקערונג פון עקאָנאָמישן לעבן; דאָס באַרימט געוואָרענע ווערטל זיינס „באָיקאָט, אָוושעם״, אדרבא. די פּאָגראָם־פּראָפּאַגאַנדע איז גע־גאַנגען געפּאָרט מיט חנדלען זיך צו היטלער־דייטשלאַנד. גע־בעלס און גערינג זענען געוואָרן אָפטע געסט אין פּוילן. דער ווילדער נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם האָט פּוילן געפירט אָפּצו־רייסן אַ שטיק טעריטאָריע, מיט היטלערס הסכמה, פון טשע־כאָסלאָוואַקיע.

די היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז, אַ חוץ אין דער פּרעסע, אויך אַריינגעדרונגען מיט די דייטש־היטלעריסטישע פילמען. מיר, די „צוקונפטיסטן" — זאָגט חוה בראַנד־לאָבער־בלאַט — האָבן דעמאָלט געהאַט אַן אויפגאַבע אַראָפּצורייסן די דייטשע פילם־פּלאַקאַטן. ביי בעלאַ שאַפּיראָ האָבן מיר אַלע געשעפּט מוט און דרייסטקייט ביז צו דער שרעקלעכער דייטשער אינוואַזיע.

פרייטיק, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, האָט זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע מיליטערישע אינוואַזיע פון די היטלעריסטישע האָרדעס אויף פּוילן. אויפן צענטן טאָג פון די קריגס־אָפּעראַציעס, האָבן זיי שוידערלעך באָמבאַרדירט, אין צענטער פון לובלין, דאָס הויז פון רינעק 10, ווו בעלאַ האָט געוווינט. פון הויז איז געוואָרן אַ חורבה. צום גליק איז בעלאַ נישט געוועזן אין דער היים.

די שטאָט איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט פּליטים. די בונדישע חברים ברוך שעפנער און פּנחס שוואַרץ, וואָס האָבן זיך געפונען צו דער צייט אין לובלין, האָבן איבערגעגעבן, אַז אַ טייל פון צענטראַל־קאָמיטעט טראָגט זיך איבער אויף די מזרח־געביטן פון פּוילן. דער לובלינער קאָמיטעט האָט דעמאָלט באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ געפאַר, די דייטשן זאָלן פאַרכאַפּן די שטאָט, זאָלן די באַדראָטע בונדישע מיטגלידער פאַרלאָזן לובלין.

בעלאַ, צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן, יעקב ניסנבוים ז"ל (געוועזן רעדאַקטאָר פון דער „לובלינער שטימע") און איר עלטערן זון, האָבן זיך געלאָזט צו פוס אין וועג אַריין.

R.CH.

אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט

דעם 17־טן סעפטעמבער 1939 געפינט זי זיך אויף די מזרח־געביטן פון פוילן, וואָס ווערן פאַרנומען דורך דער סאָ־וויעטישער אַרמיי.

אין זיין בוך „5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ”, שרייבט בער־נאַרד גאָלדשטיין, אַז אין יענע טעג, האָט ער זיך געפונען אין לובלין צוזאַמען מיט וויקטאָר אַלטער, און דער לעצטער נומער פון דער „לובלינער שטימע” איז נאָך דערשינען מיט וויקטאָר אַלטערס אָנשטרענג. דער שונא האָט זיך אָבער גענומען, מיט יעדן טאָג, דערנענטערן. אין לובלין האָט געהערשט אַ שרעק־לעכע פּאַניק. טויזנטער האָבן זיך געלאָזט לויפן דורך פאַרשידענע וועגן אין דער ריכטונג צו דער סאָוויעטישער זייט.

עטלעכע וואָכן האָט זיך בעלא געפונען אונטער דער סאָ־וויעטישער הערשאַפט. זייענדיק אַן אידעאיש גלויביקע סאָציאַ־ליסטקע, האָט זי געליטן, צוקוקנדיק זיך צום אופן פון רעגירן. זי האָט איינגעזען, ווי אַלע נאָרמעס פון מענטשלעכער מאָראַל ווערן פאַרשוועכט, ווי דער מענטש ווערט געטרעטן מיט די פיס. די מענטשלעכע באַציאונגען זענען אונטערגעגראָבן און פאַר־ניכטעט געוואָרן דורך חשד פון מסירה.

די, וואָס האָבן זי געקענט פון דער נאָענט, האָבן געוווּסט, אַז זי איז פעאיק צו זען דאָס לעבן פון דער טיף און אַז זי איז בכוח צו דערזען, פריער פאַר אַנדערע, ווי אַזוי די פאַרשידענע מאַכטהאָבערס — גרעסערע און קלענערע — באַציען זיך צו דעם מענטשלעכן מין, אָן אויסוואַל. די שרעקלעכע מורא און דער טעראָר, דאָס איז געגאַנגען געפּאָרט מיט פאַלשקייט און

ליגנס. דאָס איז געוואָרן אַן אָנגענומענער נוסח ביי די מאַכט־האָבערס, אַזוי ווי ס׳איז דער כלל פון דער גאַנצער סאָוויע־טישער געזעלשאַפט. דאָס איז גלייך געקומען צום אויסדרוק אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש!

בעלאַ איז קיינמאָל נישט פאַרכאַפט געווען פון לינקיזם, אַפילו נישט אין די רייען פון בונד. זי איז נישט געווען קיין אָנהענגערין פון דער לינקער מינדערהייט, וואָס איר וואָרט־זאָגער איז געווען יוסף כמורנער. אין אַלע פּאָליטישע שטרייטן האָט זי שטענדיק געשטיצט די ליניע, וואָס ס׳איז פאַרטיידיקט געוואָרן פון איר גרויסן און באַליבטן לובלינער לאַנדסמאַן — הענריק ערליך און פון וויקטאָר אַלטער. כאָטש איר שטרעבן און קאַמף איז געווען אַ סאָציאַליזם פון פרייהייט און פּלוראַליזם, האָט זי דאָך געגלויבט און זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין ראַטנ־פאַרבאַנד, ווען דאָרט הערשט אַפילו די דיקטאַטור מיט מעטאָדן פון וועלכע זי איז נישט קיין אָנהענגערין, אָבער דאָך, האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, אַז די גרונט אייגנשאַפט פון דעם סאָוויעטישן הערשאַפטס־סיסטעם, איז אַ סאָציאַליסטישע, הן סאָציאַל און הן נאַציאָנאַל.

די האַרטע ווירקלעכקייט האָט איר געוויזן דאָס פאַרקערטע און דערפאַר איז איר אַנטוישונג געווען פיל ביטערער. זי האָט זיך ביי איר פאַרוואַנדלט אין אַ נשמהדיקער טראַגעדיע.

ווען זי האָט זיך דערוווסט וועגן אַרעסט פון אירע באַליבטע חברים און פאַרטיי פירער — ערליך און אַלטער, האָט זי באַ־שלאָסן אַזוי לאַנג ווי ס׳איז נאָך געווען מעגלעך, אומצוקערן זיך אַהיים. זי האָט זיך גאַנץ גוט פאַרגעשטעלט, אַז די נאַצים וועלן איר גרויזאַם באַהאַנדלען, זיי זענען דאָך די דעקלאַרירטע שונאים פון יידישן פאָלק, און דער עיקר — פון יידישע סאָציאַליסטן. זי האָט זיך, וואָס אַן אמת, נישט געקענט פאַרשטעלן אַ מיידאַנעק

אָדער טרעבלינקע, ווייל זי האָט פאַרלאָזט לובלין, נאָך איידער די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט.

שמועסנדיק מיט אַ סך לובלינער, האָב איך נישט איין מאָל געהערט דעם פאָרוואורף, וואָס מען האָט איר געמאַכט. דאָס איז דער באַשלוס אירער צוריקצוקערן זיך קיין לובלין. איך, וואָס האָב לאַנגע יאָרן געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, פאַרשטיי פול־שטענדיק די פסיכאָלאָגישע זייט פון איר האַנדלונג.

קומענדיק אין ראַטנפאַרבאַנד אין אָנהויב פון די 30־קער יאָרן, זייענדיק אַן איבערצייגטער קאָמוניסט, וואָס האָט שוין גע־האַט דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס — טורמעס, אויספאָר־שונגען און דאָס אַלץ פאַר דער אידעע — האָב איך זיך גענומען צוקוקן צו דער עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטס־מענטש אויף די סאָוויעטישע פאַבריקן; איך האָב געזען די הפקרדיקע באַציאונג; איך האָב זיך דערוווּסט די שוין יעצט באַוווּסטע אמתן פון סיסטעם.

נאָך דעם, ווי ס'איז געוואָרן באַוווּסט וועגן אַרעסט פון די פּוילישע קאָמוניסטישע פירער, די דעפּוטאַטן אין פּוילישן סיים, סאָכאַצקי, לאַנצוצקי, און שפּעטער, דער אַרעסט פון דעם יידישן קאָמוניסטישן סיים־דעפּוטאַט, דעם לאַנג־יאָריקן רעוואָ־לוציאָנערן אַרבעטער־טוער, יחיאל ראָזענבערג, פאַרשפּאַרט אין תפיסה אין 1936, האָבן די אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן פון פּוילן, וואָס האָבן געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז זייער גורל הענגט אויף אַ האָר.

בשעת דעם שפּאַנישן בירגער־קריג האָב איך אָנגעגעבן אַ ביטע צום קאָמינטערן, וועגן שיקן מיך אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער בריגאַדע. און איך בין נישט געווען דער איינציקער דאָס צו טאָן.

יעדער פּאָליטישער עמיגראַנט האָט ביי זיך געטראַכט. בעסער שטאַרבן אויפן שפּאַנישן פראָנט, איידער דאַרפן איבער־

לעבן די פיזיש־מאָראַלישע ליידן צו ווערן אַרעסטירט אין ראַטנ־פאַרבאַנד; טראָץ דעם, וואָס קיינער פון אונדז האָט, צו יענער צייט, נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן רעזשים, וואָס הערשט אין די סאָוויעטישע טורמעס, און וועגן די בלוטיקע אויספאָרשונגען, וואָס די פאָליטישע עמיגראַנטן וועלן מוזן אַדורכגיין.

די סאָוויעטישע נ.ק.וו.ד., דער בלוטיקער אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור, האָבן אָבער מיין גורל, ווי אויך דעם גורל פון צענדליקער טויזנטער אַנדערע פּאָליטישע עמיגראַנטן, אַנדערש באַשטימט. זיי האָבן צונישט גע־מאַכט דאָס אַלץ, וואָס איך און אַנדערע האָבן געטראַכט און געוואָלט.

די פילבאַרע בעלאַ שאַפּיראָ האָט נישט געוואָלט איבער־לעבן די טראַגעדיע פון ווערן אַרעסטירט דורך דער נ.ק.וו.ד. און דאַרפן זיצן אין אַ סאָוויעטישער תפיסה. דאָס וואָלט געווען פאַר איר נישט בלויז פיזישע, נאָר אויך דער עיקר מאָראַלישע ליידן. האָט זי, ווי שטענדיק, געהאַנדלט לויט איר איבערצייגונג טראָץ אַלע געפאַרן. יעקב ניסנבוים, איר מאַן, כאָטש די געפאַר פון אַרעסטירט ווערן האָט אויף אים מאָמענטאַל נישט געלויערט, האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט איר באַשלוס, און זיי האָבן זיך צוזאַמען צוריקגעקערט קיין לובלין.

לעצטע אַקטיוויטעטן אין לובלין

די גבית עדות פון בערנאַרד גאָלדשטיין אין זיין בוך „5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ" און פון יעקב צעלעמענסקי אין זיין בוך „מיטן פאַרשניטענעם פאָלק", זענען די איינציקע פאַרבליבענע דאָקומענטן, נאָכן בלוטיקן היטלעריסטישן חורבן, וואָס באַקענען

מיט די לעצטע נאָבעלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַקטיווי־טעטן פון בעלאַ שאַפּיראָ, נאָך איר צוריקקומען קיין לובלין.

דער וואַרשעווער בונדישער צענטער האָט בעלאַ שאַפּיראָ צוגעצויגן צום אומלעגאַלן לאַנדעס פּאַרטיי־ראַט. אין לובלין גופא האָט זי איבעראָרגאַניזירט דעם אומלעגאַלן בונדישן פּאַרטיי קאָמיטעט, און דעם יוגנט־בונד „צוקונפט".

מיט אָנערקענונג און יראת הכבוד גיב איך אָן די נעמען פון די אידעאַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס אין די סאַמע שרעק־לעכסטע באַדינגונגען פאַר אונדזער פאָלק, דאַן ווען יעדע מיני־מאַלע טעטיקייט איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות, האָבן זיי דאָך נישט אויפגעגעבן זייער הומאַניטאַר־מענטשלעכע און געזעלשאַפטלעכע אחריות פאַרן יידישן כלל. די דאָזיקע יידישע מענטשן האָבן צום סוף געטיילט דעם פינצטערן גורל פון דער גאַנצער יידישער לובלינער עדה.

און אָט, איז דער באַשטאַנד פון קאָמיטעט: בעלאַ שאַפּיראָ, יעקב קעלנער, יאַנקל בראַנשטיין, אַלטער זאַטערמאַן, יאַנקל קעניגסוואַלד, דער פאָרשטייער פון דער יוגנט — יאָסל דראַנג.

דער יוגנט־קאָמיטעט איז באַשטאַנען בלויז פון דריי חברים: חנה'לע מערנשטיין, יחיאל לערער (דער זון פון בונדישן פירער — לייבל לערער), און יאָסל דראַנג. דער פאָרשטייער פון די עלטערע — יאַנקל קעניגסוואַלד.

די פאַרבינדונג מיט דער „פּוילישער גאַס" און דער עיקר מיט דער פּ.פּ.ס. האָבן אָנגעהאַלטן בעלאַ שאַפּיראָ און יעקב ניסנבוים.

יעקב ניסנבוים האָט אויך געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרצייכענען די גרויל־טאַטן פון די היטלעריסטישע בעסטיעס כלפי דער יידישער באַפעלקערונג.

די ערשטע פּרינציפּיעלע פראַגע, וואָס האָט זיך געשטעלט, איז געווען — דאַרף דער בונד אָנטיילנעמען אין געשאַפענעם

„יודן־ראַט“? אין איר באַשטאַנד זענען געווען די דאָזערס פון דער קהילה. לויט דער אָפּשאַצונג פון דער טעטיקייט פון יודן־ראַט, במשך פון געציילטע חדשים, איז געווען איינצוזען, אַז ער דינט, ווי אַ געהילפס־אינסטרומענט — דירעקט און אומדירעקט — פאַר דער אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס די היטלעריסטן האָבן פּלאַנירט.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אויך, אַז דער לובלינער יודן־ראַט איז, ווי אומעטום, געווען צעפרעסן פון קאָרופּציע.

פאַראַן געווען נאָך אַן אַנגעווייטיקטער פּראָבלעם. דער איינ־ציקער בונדישער דאָזאָר, וואָס איז געבליבן אין שטאָט, אַלטער זאַטערמאַן, האָט, טראָץ דעם צוואַנג פון דעם יודן־ראַט, נישט געוואָלט צו אים געהערן. ער, זיין פרוי און קינד, זענען געווען פון די ערשטע דעפּאָרטירט צו ווערן קיין מאַידאַנעק.

ס'האָט זיך אָרגאַניזירט אַ הילפס־אַרבעט; מען האָט איינ־געשטעלט פאַרבינדונגען מיט די צענטראַלע קערפּערשאַפטן אין וואַרשע, בכדי צו קענען באַקומען פינאַנסיעלע הילפס־מיטלען. מען האָט זיך פאַרבונדן מיטן „דזשאָינט“ און אַנדערע הילפס־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט פאַר דער מלחמה, ווי „טאָז“, די צענטראַלע פאַר יתומים־הילף, „אָרט“.

ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ באַשפּייזונגס־דינסט פאַר דערוואַקסענע, אין דער ערשטער רייע, פאַר די מאַסן פּליטים, וואָס זייער צאָל איז געווען גרויס אין לובלין, גלייך פון די ערשטע טעג, בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. קיין לובלין האָט מען געבראַכט יידן פון דער גאַנצער געגנט אַרום. שפּעטער האָט מען אויך געבראַכט צענדליקער טויזנטער יידן, אַפילו פון אויסלאַנד. אין מאַידאַנעק, נאָענט צו לובלין, האָבן די נאַציס איינגעאָרדנט דעם אַזוי־גערופענעם יידישן רע־זערוואַט.

דער ערשטער שליח פון „בונד“ אין לובלין, וואָס האָט

געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַקומען הילף פון „דזשאָינט", איז אין דעצעמבער 1939, געוועזן יאַנקל קעלנער. נאָך עטלעכע מאָל פאָרן אויף דער שטרעקע לובלין — וואַרשע, איז ער פאַר־האַלטן געוואָרן דורך פאָלקסדייטשן און געוואָרן שרעקלעך צע־שלאָגן. ער איז אָבער צו דער „געשטאַפּאָ" נישט איבערגעגעבן געוואָרן.

נאָכן דורכפאַל פון דעם ערשטן לובלינער שליח, האָט בעלאַ, די פופציק־יעריקע פרוי, גענומען אויף זיך די געפערלעכע מיסיע. זי איז אָבער געווען באַגרענעצט אין אירע באַוועגונגען. קינד און קייט, און נישט בלויז יידן האָבן זי געקענט, נאָר אויך אַ סך פּאָליאַקן. דאָס האָט באַגרענעצט בעלאָס רירעוודיקייט אין שטאָט גופא, שוין אָפּגערעדט פון נעמען די באַן.

דער בונדישער קוריער, יעקב צעלעמענסקי, האָט גוט גע־קענט די שטאָט; ער האָט דאָ אָנטייל גענומען בעתן ערשטן יוגנט־צוזאַמענפלי, ווי אויך בעת די וואַל־קאַמפּאַניעס. ער שרייבט אין זיין דערמאָנטן בוך (זייט 89 — 98):

„ווען איך בין אויסגעשטיגן פון דער באַן, האָב איך גלייך דערזען די גרויסע ווּיסטעניש. קיין געטאָ איז נאָך דעמאָלט אין לובלין נישט געווען. אָבער אויף יעדן יידישן געזיכט איז געלעגן אַן אויסדרוק פון יסורים, שרעק און הונגער. איך בין שנעל אַריינגעגאַנגען אין דער געדעכטעניש פון דער יידישער געגנט, ווו די טראָטואַרן זענען געווען פול מיט יידן. אַ סך האָבן געקוקט מיט חשד אויף מיין בלאָנדן „אַרישן" קאָפּ, אויף מיין עלעגאַנטן מאַנטל און לעדערנע טעקע. בעלאַ שאַפּיראָ האָט מיר געעפנט די טיר און מיך גלייך דערקענט. זי איז געווען איבערראַשט און דערפרייט פון מיין קומען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן מיר און האָט מיט ביידע אָרעמס אַרומגענומען די קעפּלעך פון צוויי שיינע קינדער. דאָס איז געווען אַ צווילינג פון איר זון. אין

אָנהויב פון דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער, מיט זיין פרוי אַוועק קיין דאַנציק. אויפן וועג איז ער געוואָרן פאַרהאַלטן. די פרוי מיט די קינדער האָבן זיך אומגעקערט קיין לובלין.

בעלאַ שאַפּיראָ איז געווען אַ נידעריקע, אַ פולע, מיט אַ מור־טערלעכן כאַראַקטער און אויסזען.

— זעט מיינע צוויי גאָלדענע אוצרות. ווער ווייסט ווו זייער טאַטע איז יעצט. אויף מיר זאָגט מען, אַז איך בין אַ שטיק מאַנספּאַרשוין; בין איך יעצט זייער טאַטע.

פאַר איר מאַן, יעקב ניסנבוים, דער רעדאַקטאָר פון פאַר־מלחמהדיקן „לובלינער טאָגבלאַט", האָב איך געהאַט אַ ספּע־ציעלע מיסיע. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד" האָט פון אים פאַרלאַנגט אָנצושרייבן אַ באַריכט וועגן מצב פון די פוילישע יידן. דאָס האָט נישט געדאַרפט זיין סתם פאַרצייכענונגען און איינצלנע פאַקטן; די באַריכט האָט באַ־דאַרפן זיין אַן אַלגעמיין בילד פון יידישן לעבן אין יענעם פער־יאָד, און אָנמערקן די כוונות פון די נאַצישע אָקופּאַנטן לגבי די יידן.

ער האָט צוגעזאָגט נאָכצוטראַכטן, און בעיקר וועט ער זען צי ער וועט האָבן די געהעריקע מאַטעריאַלן".

צעלעמענסקי גיט אויך איבער וועגן זיין בייוווינען אַ באַ־ראַטונג פון 30 טוער, אין דער דירה פון חבר יאָסל דראַנג. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק. אויף דער באַראַטונג זענען געווען פאַרשטייער פון אַלע צווייגן פון יידישע פאַכן, קולטור און הילפס־אָרגאַניזאַציעס. מיט אַ באַ־זונדערער ליבשאַפט און יראת הכבוד האָט מען געוואַרט אויף בעלאַ שאַפּיראָ, וואָס האָט געזאָלט בייוווינען די באַראַטונג, אומ־באַמערקט פאַר אַ זייטיק אויג.

די אינפאָרמאַציע, וואָס צעלעמענסקי האָט פאַר זיי גע־ברענגט פון דעם וואַרשעווער געטאָ, און פון די פּראָווינץ־שטעט,

וואָס ער האָט לעצטנס באַזוכט, איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און מיט גרויס אינטערעס. אַלץ האָט גע־קלונגען, ווי פון ווייטע, נישט דערגרייכבאַרע וועלטן. אַלע האָבן געוואָלט וויסן צי ס׳זענען פאַראַן נייע ידיעות פון וויקטאָר אַלטער און זייער בן עיר — הענריק ערליך.

בעלאַ שאַפּיראָ האָט איבערגעגעבן וועגן איר און ניסנבוימס פאַרבינדונגען מיט דער פּוילישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט דערציילט, אַז זיי שטעלן צו, פאַרן בונד, אַ געוויסע צאָל פון זייערע צייטונגען; אַז ס׳זענען פאַראַן פּ.פּ.ס.־חברים, וואָס העלפן בונדיסטן, וועלכע זעען אויס ווי אַריער, אַרויסצופאָרן אין די נאָענטע שכנותדיקע שטעטלעך און דער־פער, כדי צו באַזאָרגן שפּייז. זיי האָבן אויך איבערגעגעבן, עט־לעכע מאָל, געלט־שטיצע, וואָס זיי באַקומען פון פאָנדן פון דער פּוילישער רעגירונג אין גלות.

דער אַרעסט און די באַמיונגען זי צו ראַטעווען

אין 1941 האָט די געשטאַפּאָ גענומען אַרומזוכן בעלאַ שאַפּיראָ. איר איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן מיט דער מיטהילף פון די פּ.פּ.ס.־טוער.

ווען די געשטאַפּאָ איז דערגאַנגען, אַז יעקב ניסנבוים איז איר מאַן, האָט מען אים אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין תפיסה. זיי זענען צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל אויסגעבן ווו בעלאַ באַ־האַלט זיך אויס. נישט געקוקט אויף דער שרעקלעכער אויס־פאָרשונג, באַגלייט מיט מוראדיקע יסורים, האָט ער זיך נישט געבראָכן און נישט אויסגעזאָגט דאָס אָרט פון איר באַהעלטעניש. ווען בעלאַ איז געוויר געוואָרן וועגן אַרעסט פון איר מאַן, איז

זי אַרויס פון איר באַהעלטעניש און גענומען מאַכן באַמיאונגען מען זאָל אים באַפרייען. כאָטש חברים האָבן זי געוואָרנט, אַז איבערגעבנדיק זיך דער געשטאַפּאָ, וועט זי ניסנבוימען נישט קענען באַפרייען, האָט זי ביי זיך דאָך נישט געקענט פועלן, אַז צוליב איר זאָל איר מאַן דאַרפן דורכמאַכן פייניקונגען.

זי האָט געהאַנדלט, ווי די היסטאָריש באַרימט־געוואָרענע העלדין פון דער פּאַריזער קאָמונע, לואיזע מישעל, וואָס האָט געפונען, נאָכן פאַלן פון דער לעצטער באַריקאַדע, אַ געזיכערטע באַהעלטעניש; אָבער, ווען די רעאַקציע האָט געמאַכט פאַראַנט־וואָרטלעך איר געליבטע מוטער, לאָזט זי זיך נישט אָפּהאַלטן, און גיט זיך איבער די בלוטיקע תלינים פון ווערסייל.

יעקב צעלעמענסקי באַשרייבט זיינע באַמיאונגען מיטצו־העלפן באַפרייען דאָס ליבע פּאָרפּאָלק. ער האָט זיך געפונען, צו יענער צייט, אין שליחות, אין ראַדאָם. דאָרט, האָט ער באַ־קומען אַ טעלעגראַמע פון וואַרשע, אויפן אַדרעס פון אַ ראַדאָ־מער חבר. אַן אָפּגערעדטער צייכן האָט אים צו וויסן געגעבן, אַז ס׳איז געשען אַ נישט פאָראויסגעזעענע זאַך און ער מוז גלייך קומען קיין וואַרשע. אויף צומאָרגנס, האָט ער גענומען אַ ספּע־ציעלן אויטאָבוס, וואָס האָט קורסירט צווישן ראַדאָם און וואַרשע, אָבער בלויז פאַר דייטשן און פאָלקס־דייטשן.

ער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן, ער איז אָבער דריי שעה שפּעטער שוין געווען ביים טויער פון דעם וואַרשעווער געטאָ מיט אַ קאַרטע, ווי אַ באַאַמטער פון דער וואַרשעווער עלעק־טראָווניע און גאַז־אַנשטאַלט. ער איז אָן שום שוועריקייטן אַדורכגעלאָזט געוואָרן.

אין דער וווינונג פון לאזער קלאָג (דער באַקאַנטער לאַנג־יאָריקער צענטראַלער אָנפירער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען פון די יידישע דרוקער־אַרבעטער, פּרנס אין דער וואַר־שעווער קהילה, ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט. געווען צווישן די

אַקטיווע טוער אין דער אונטערערדישער בונדישער באַוועגונג, אָנגעהערט צום געהיימען צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. בעתן גרויסן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע געווען אין די רייען פון די קעמפנדיקע און געפאַלן אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן די נאַציס צוזאַמען מיט זיינע דריי זין און צווי טעכטער). האָט ער זיך דערוווּסט די שרעקלעכע נייעס, אַז די געשטאַפּאָ האָט אַרעסטירט ניסנבוימען און אַז זי זוכט אַרום אויך בעלאַ שאַפּיראָ, וועלכע באַהאַלט זיך אויס. ער האָט געזאָלט גלייך אַוועקפאָרן קיין לובלין און געפינען אַ וועג אויף צו ראַטעווען דאָס פּאָרפאָלק.

„מ'האָט מיר געזאָגט — שרייבט צעלעמענסקי — אַז אויב מען וועט דאַרפן אויסקויף־געלט, וועט נישט זיין קיין שום מניעה; ווי גרויס די סומע זאָל נישט זיין. פאָרן אויף די באַנען איז געוואָרן שווערער אַפילו פאַר פּאָליאַקן, וואָס אויך זיי האָבן באַדאַרפט האָבן פּאַסירשיינען.

צעלעמענסקי האָט פאַרלאָזט דעם געטאָ און געשטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט ראַפאַל פּראַגער פון דער פּ.פּ.ס. ער האָט אים נישט געקענט שאַפן דעם נויטיקן דאָקומענט. ער האָט אים בלויז געקענט געבן אַ ליידיקן בלאַנק פון דעם לובלינער מאַ־גיסטראַט פאַרן פּרייז פון 300 זלאָטעס.

ער איז גלייך צוריק אַריין אין געטאָ און זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַבראַשאַ בלום. ער האָט געהאַלטן, אַז פאָרן מיט דעם דאָזיקן בלאַנק איז צו ריזיקירט. דער ענין פון ראַטעווען בעלאַ שאַפּיראָ איז געווען אַזוי דרינגענדיק, אַז קיין צווייטער אויסוועג איז נישט געווען.

אַבראַשאַ בלום האָט אים געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער פרוי דר. העלענאַ קעלסאָן, וואָס האָט געהאַט אַ גוטע האַנטשריפט פאַר מאַגיסטראַצקע אונטערשריפטן און זי האָט אויסגעפילט דעם בלאַנק.

ער איז אַרויס פון געטאָ, צוגעפאָרן מיטן טראַמוויי צום

באַן־וואָקזאַל און איינגעשטיגן אין שנעל־צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין לובלין.

אין די וואַגאָנען איז די שטימונג געווען אַ געדריקטע. דער דייטשער קאָנדוקטאָר איז געגאַנגען פון פּאַסאַזשיר צו פּאַסאַזשיר און האָט גרינטלעך קאָנטראָלירט די דאָקומענטן. ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו אים, דערציילט צעלעמענסקי, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געפיל, אַז ס׳דערנענטערט זיך זיין סוף. ווייל אויב דער קאָנדוקטאָר וועט אים נעמען גענוי אויספרעגן וועגן ציל פון זיין רייזע, וועט ער זיך פאַרפּלאָנטערן.

ער האָט מיט אַ זיכערער מינע אַרויסגענומען דאָס גרינגע אויסגעפילטע קאַרטל און אַלץ איז אַדורך בשלום.

קומענדיק קיין לובלין, איז ער שנעל אַריין אין יידישן קוואַרטאַל און אַוועק אין דער וווינונג פון יעקב קעלנער. דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט די טרויעריקע ידיעה, דהיינו, ווען בעלאַ איז געוויר געוואָרן וועגן אַרעסט פון ניסנבוימען און וועגן דער מעגלעכקייט, אַז אויב זי זאָל זיך צושטעלן צו די דייטשן, וועט איר מאַן באַפרייט ווערן, האָט זי באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון איר באַהעלטעניש.

צעלעמענסקי איז געקומען קיין לובלין מיט אַ געהעריקער סומע געלט, אָבער אַלע פּרוּוון צו קענען אַרויסקריגן פון די נאַצישע נעגל דאָס פאַרפאַלק שאַפּירא־ניסנבוים האָבן זיך לייי־דער, נישט איינגעגעבן. אַלץ איז שוין געווען צו שפּעט.

מיט אַ טיפן ווייטיק און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, האָט זיך צעלעמענסקי צוריקגעקערט קיין וואַרשע.

יעקב ניסנבוימען איז געלונגען צו באַפרייען זיך פון דער תפיסה. ער האָט גענומען אַרבעטן אַלס באַאַמטער פון דער קהילה. אַ געוויסע צייט שפּעטער, האָט אים די געשטאַפּאָ אַוועקגענומען פון זיין אַרבעטס־טיש אין דער קהילה, און גלייך, אויף דער גאַס, דערשאָסן.

דעם זעלבן טאָג האָט מען, פון שטוב, אַרויסגענומען אויך דעם שניידער־אַרבעטער, דוד שעפער, דעם פאָרזיצער פון לובלינער פאַראיין פון די באַקלייד־אַרבעטער, אַן אַקטיווער בונדיסט, און מען האָט אים אויך דער גאַס דערשאָסן. דוד שעפער פלעגט זיין אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג; ער איז אַ ריי יאָרן געפאָרן אויף צוזאַמענפאָרן פון די באַקלייד־אַרבעטער. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין דער אומלעגאַלער אַרבעט אין לובלין.

וועגן דעם טרויעריקן גורל פון בעלאַ שאַפּיראָ, וועגן איר לעצטן וועג, ווייסט קיינער נישט גענוי.

בעריש קרעמפּעל האָט אויפגענומען עטלעכע גבית־עדותן נאָך דער מלחמה. אברהם לעדערמאַן, אַ שניידער־אַרבעטער און אַן אַלטער בונדיסט; ער האָט געלעבט נאָך דער מלחמה אין פּאַריז. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין לובלין, האָט ער אין די יאָרן 1940 — 1944, געאַרבעט אין דעם שניידער־וואַרשטאַט אין דער לובלינער תפיסה. ער האָט פיל מאָל געזען צוריקברענגען די באַליבטע פירערין פון דער לובלינער בונדישער באַוועגונג פון דער געשטאַפּאָ, ווו מען האָט זי געפּאָרשט און בלוטיק געשלאָגן.

קיינער ווייסט נישט, אויב בעלאַ שאַפּיראָ איז פאַרמוטשעט געוואָרן ביי דער אויספאָרשונג, אָדער אין די טויט־לאַגערן פון מאַידאַנעק צי אָשוויענטשים. איינס איז זיכער, אַט די וווּנדערבאַרע יידישע טאָכטער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל ליבשאַפט פאַר איר אייביק ליידנדיקן פאָלק, די וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט די גאַנצע ליידנדיקע מענטשהייט, זי האָט אויף איר לעצטן וועג אַדורכגעמאַכט אומבאַשרייבלעכע יסורים. זי איז אומגעקומען, ווי אַ מאַרטירערין, אומגעבראַכט דורך די נאַצישע מערדער י״ש. זי האָט געטיילט דעם שרעקלעכן גורל פון דער גרויסער הייליקער יידישער עדה אין לובלין, וואָס האָט געציילט 45 טויזנט

נפשות. זי איז געווען, לאַנגע יאָרן, איר ווירדיקער שליח ציבור.

קלאָגט אין זיין פּאָעמע פון „פנקס לובלין", דער דיכטער משה שולשטיין:

„ווּ איז אונדזער שטאָט, אונדזער ציבור און קהל ?
ווּ איז אונזער היים, אונזער אם בישראל ?
און ווען אַלץ וועט אין כתבים שוין ווערן אַמאָליק,
געדענק וואָס אַמאָל האָט געטון דיר עמלק.
אין קדשי קדשים פון אונזער זכרון,
פון יאָרן ביז יאָרן,
פון אייביק ביז אייביק,
ונמר אמן !".

און דער לובלינער בן עיר, דער דיכטער און עסייאיסט, יעקב גלאַטשטיין, האָט אויסגעשריגן:

„ווער וועט דיך צוריקשטעלן און צוריקבויען, מיין הייליקע שטאָט. אַז פּאַרוויסט ביסטו געוואָרן. מען שלאָגט שינדלען, מען לייגט דעכער, מען פאַרריכט און מען פאַר־ניצעוועט, אַן אַלטע פּאַסקודנע וועלט. אָבער מיין הייליקע שטאָט, די שטאָט פון מיין וועלט, וועט קיינמאָל נישט צוריק געבויט ווערן".

נאָכוואָרט

די קליינע אַרבעט וועגן בעלאַ שאַפּיראָ, וואָס איך האָב צונויפגעזאַמלט פון שטריכן, וואָס אירע מיטצייטלער האָבן אָנגעוואָרפן, וויל איך האָפן, אַז זי וועט ווען עס איז אָנרעגן מער באַגאַבטע און מיט גרעסערע מעגלעכקייטן צו פאָרשן און דערלערנען דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין דער היסטאָריש־יידישער קהילה אין לובלין. דעמאָלט וועט מען קענען פולער און אַלזייטיקער אַרויסברענגען די גייסטיקע פאַרבן־רייכע פרויען־פערזענלעכקייט פון בעלאַ שאַפּיראָ, אירע טיף אינערלעכע פסיכאָלאָגישע ראַנגלעניש, דעם קאַמף, וואָס זי האָט כסדר געמוזט פירן — טראָץ איר באַשיידנקייט — צו קענען אָנפירן מיט דערפאָלג אירע פאַרצווייגטע פאָליטישע טעטיקייטן, ביי די אויסנעמלעך שווערע פאָליטיש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין לאַנד, וואָס האָבן זיך באַזונדערס פיינלעך אויסגעווירקט מיט אַ ביטערער נויט פון דער ווייט גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

יידן זענען געווען בירגער פון אַ נידעריקער מדרגה. אַנטיסעמיטיזם און רעכטלאָזיקייט איז געווען די פערמאַנענטע פּאָליטיק פון דער פוילישער רעגירונג אין באַציאונג צו יידן, טראָץ דער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט פאַרזיכערט גלייכע רעכט פאַר אַלע מינדערהייטס־פעלקער אין לאַנד. דער גאַנצער מלוכה־אַפּאַראַט איז געווען ריין פון יידן. אַלע יאָרן פון דער פוילישער זעלבסטשטענדיקייט האָט דער רעגירונגס־אַפּאַראַט מיטגעהאָלפן פונאַנדערבלאָזן דעם דורות־לאַנג איינגע־

וואָרצלטן אַנטיסעמיטיזם ביים פּוילישן פֿאָלק, די חיהשע שנאה צו דער יידישער באַפעלקערונג. דערפאַר האָט כסדר געהאָנגען די געפאַר פון פאָגראָם־שטימונגען ביי יעדער פאַרשאַרפונג פון די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע געשעענישן אין לאַנד. און אין דער שטאָט לובלין איז בעלאַ געווען די ווירדיקע פאָרשטייערין, וואָס האָט מיט מוט און קוראַזש פאַרטיידיקט די יידישע באַפעלקע־רונג. פון די צענדליקער אַקטיווע אָנפירנדיקע טוער, וואָס האָבן בעלאַן אַרומגערינגלט און האָבן אויסגעבילדעט דעם אידעאיש־געזיכערטן אָנשפאַר, וועל איך דערמאָנען בלויז צוויי פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אין לובלין אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיי האָבן גליקלעכווייז איבערגעלעבט דעם גרויסן חורבן פון דער יידישער קהילה אין זייער געבוירן־שטאָט, און האָבן מיט ליב־שאַפט און פאַרערונג דערמאָנט וועגן בעלאַ שאַפּיראָ.

בעריש קרעמפּעל

לויט ווי ס'האָט געשריבן זיין זון איזאַק קרעמפּעל, האָט זיין פֿאָטער געשטאַמט פֿון דער יידישער אָרעמקייט. אין עלטער פֿון 10 יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ בעל־מלאכה אויף דריי יאָר מיט עסן, שלאָפֿן, וואָס אויסער ווערן עקספּלואַטירט 15־16 שעה אַ מעת־לעת, האָט מען אויך פֿיזיש און גשמיות׳דיק אַדורכ־געמאַכט פּיין, צרות און באַליידיקונגען פֿון יעדן, וואָס איז געווען עלטער, און גאָר באַזונדערס פֿון בעל־הבית.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם לערע־פּעריאָד, אויף אייגענעם באַראָט און אָן וועלכער ס'איז השגחה, איז ער אַריבערגעפֿאָרן אין דער גרויסער פּרעמדער שטאָט וואַרשע. צו 16 יאָר פֿאַרבינדט ער זיך מיט דער אומלעגאַלער בונדישער באַוועגונג. האַרט פֿאַר דער מלחמה פֿון 1914 צוריקגעקערט זיך קיין לובלין, אָנטייל גענומען אין דער אומלעגאַלער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג, גע־ווען פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן און טעכנישע צוגרייטער אין 1917 פֿון ערשטן אומלעגאַלן צוזאַמענפֿאָר פֿון פּוילישן בונד אין לובלין אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע. אין 1920, בעת דער מלחמה פֿון פּוילן מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד, ווען בעלאַ שאַפּיראָ מיט אַנדערע בונדישע טוער זענען געוואָרן אַרעסטירט, איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן קיין ליטע. אין די 20־ער יאָרן, נאָך דער אַמנעסטיע אין פּוילן, קומט ער צוריק קיין לובלין, און העלפֿט אָרגאַניזירן דעם סאָציאַליסטישן האַנטוועלקער־פֿאַראיין און די קאָאָפּעראַטיווע באַנק. אַקטיוו אין דער שול־באַוועגונג, אין קאָ־מיטעט פֿאַר בויען דאָס פֿאָלקס־הויז א. נ. פֿון י. ל. פּרץ. צוויי

מאָל געווײלט געוואָרן אַלס ראַטמאַן אין שטאָטראַט, דאָזאָר אין דער קהילה, אַן אויטאָדידאַקט, רײף געוואָרן ווי אַן אַרבעטער־אינטעליגענט. אײדער די נאַצישע האָרדעס האָבן פאַרנומען לובלין, אַנטלויפט ער צוזאַמען מיט זײַן משפחה אין דער סאָוויעטישער זאָנע. אָבער עס מײדט אים נישט אויס צו ווערן אַרעסטירט און פאַרשיקט צוזאַמען מיט די זײַן אין אַ סאָוויעטישן שקלאַפן־לאַגער אין די סיבירער וועלדער.

ביי די אויסנאַם־שווערע באַדינגונגען איז נאָך בולטער געקומען צום אויסדרוק זײַן נאָבעלע, הויך־מענטשלעכע מאָראַל. אָט ווי עס דערצײלט אַ דירעקטער עדות, מרדכי פוטערמאַן, וואָס איז מיט בערישן געווען צוזאַמען אין לאַגער:

„אויפן צווייטן טאָג נאָך אונזער אָנקומען אינעם פאַרשיקונגס־פּונקט, טיף אין דער סיבירער טײגע, ווו מיר האָבן געדאַרפט אויסהאַקן די ביימער, בינדן פליטן און זיי טראַנספּאָרטירן מיטן טײַך קיין אָמסק, האָט דער נ.ק.וו.ד.־קאָמענדאַנט געפרעגט ווער ס׳קאָן אַ ביסל רוסיש, האָט זיך בעריש אויפגעשטעלט. צו מאָרגנס האָט מען אַלע מענער און פרויען פון איבער 16 יאָר געשיקט אַרבעטן אין וואַלד, און בעריש קרעמפּעלן האָט מען געמאַכט אין קאַנטאָר. קרעמפּעל האָט זיך באַמיט צו פאַרלײַכטערן דעם גורל פון די ייִדן, די געוועזענע שנײַדערס, שוסטערס, טישלערס אָדער סוחרים, וואָס זענען נישט געווען בכוח ביים בעסטן ווילן אויסצופירן די גרויסע שקלאַפן־נאָרמעס. די נאַטשאַלסטוואָ האָט אָבער געזוכט קרבנות, אַז מען „סאַבאָטירט״, און אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען, אַז בעריש קרעמפּעל, וואָס זיצט אין וואַרעמען קאַנטאָר און איז פיל־ווייניקער מער זאַט, זאָל זיי מיטהעלפן. בעריש האָט דאָס מיט עקל אָפּגעוואָרפן. ער האָט הויך געהאַלטן דעם מאָראַלישן פרינציפּ, אַז בעסער זײַן צווישן די אונטערדריקטע ווי צווישן די אונטערדריקער. מיט צופרידנקייט האָט ער פאַרלאָזט דאָס פּריווילעגירטע אָרט אינעם קאַנטאָר

און איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַלעמען אויף דער שווערער שקלאַפן־אַרבעט אין וואַלד.

בעת דער אַמנעסטיע פאַר די פוילישע בירגער איז ער — אין זכות פון זיינע צוויי זין, וואָס זענען געווען אין דער פוילישער אַרמיי — אויך אַנגאַזשירט געוואָרן, און צוזאַמען עוואַקואירט געוואָרן קיין טעהעראַן, און צוזאַמען מיט דער פוילישער אַרמיי אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. דאָרטן האָט ער גלייך געפונען זיין אמת אידייאיש פאָלק לעבן זיינע חברים דר. יעזשי גליקסמאַן און בענצל צאַלעוויטש. זיינע לעצטע 9 לעבנס־יאָרן, ביז 1956, געפינט ער זיך לעבן זיין זון אין לאָנדאָן. ביז זיין לעצטן לעבנס־אָטעם איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער הומאַניטאַרער אידעע, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין דער סביבה פון זיין היימשטאָט לובלין.

דר. שלמה הערשנהאָרן

לויט ווי ער האָט אַליין געשריבן, האָט ער געשטאַמט פון אַ חסידיש־פאַרמעגלעכער היים. זיין מוטער, אַ יונגע אלמנה, איז געווען אין שותפות מיט דער באַרימטער לובלינער דרוקעריי. איר אידעאַל איז געווען צו דערציען איר פּעאיקן גערָאטענעם זון אַלס דאָקטער אין רבינו תמס תפילין. אַזוי האָט ער, אויסער דער טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער דערציאונג, אויך באַקומען וועלטלעכע בילדונג. אין 1904, נאָכן קעשעניעווער פּאָגראָם, האָט ער דאָס ערשטע מאָל איבערגעלייענט אַ בונדישן אויפרוף, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק. אין אַ גאָר יונגן עלטער פאַרבינדט ער זיך מיט דער בונדישער באַוועגונג, וואָס איז אין יענעם פּעריאָד אין לובלין אָנגעפירט געוואָרן פון צוגע

שיקטע טוער: נחום כאנין און שרה שוועבער. נאָך דעם ווי אין זיין מוטערס דרוקעריי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע, איז ער געצוווּנגען צו פאַלאָזן זיין געבורטשטאָט. אין פעריאָד פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, אין 1916, קערט ער זיך אויף אַ קורצער צייט אום, שוין אַלס סטודענט אויפן מעדיציניש[ן] פאַקולטעט. געווען צווישן דער אַקאַדעמישער יוגנט, וואָס האָט געשאַפן אַ קאָמיטעט צו קעמפן פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. צוליב זיינע לימודים איז ער אויף ס׳ניי אָפּגעפאָרן פון לובלין. אָנהויב 20־קער יאָרן געפינט ער זיך אין לובלין. אין 1924 ווערט ער אויף דער בונדישער ליסטע אויסגעוויילט אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג. אין 1927 ווערט ער ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט. צום ערשטן מאָל ווערט אויסגעוויילט אַ וויצע־פּרעזידענט פון שטאָטראַט אַ ייד, און דאָס איז געווען די דרייסטע קעמפע־רישע פּערזענלעכקייט פאַר די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, דר. שלמה הערשנהאָרן.

די באַריכטן פון לובלינער טאָגבלאַט, פאַרעפנטלעכט אין „בוך פון לובלין״, שפּיגלען אָפּ אַ ריי זיינע אַרויסטרעטונגען. בעת דער דעבאַטע וועגן בודזשעט, פאָדערט ער עס זאָל פאַר־גרעסערט ווערן די צאָל קינדער־היימען זויג־אינסטיטוציעס. צו־זאַמען מיט דער ראַטמאַנקע בעלאַ דאַבזשינסקאַ (אַלגעמיינע ציו־ניסטן) פאַרלאַנגען זיי עס זאָלן געשטיצט ווערן יידישע שולן און דערציאונגס־אַנשטאַלטן. ער האָט דעם מוט אַרויסצוטרעטן קעגן אָנרופן אַ גאַס אויפן נאָמען פון מאַרשאַל פּילסודסקי, אונטער־שטרייכנדיק, אַז פּילסודסקי איז דער פאַקטישער פירער פון דער סאַנאַציע־רעגירונג, וועלכע איז אַנטיסעמיטיש און רעאַקציאָנער. ער געפינט זיך אין דער אָנפירערשאַפט פון יידישן שפּיטאָל, איז פאָרזיצער פון דער לובלינער אָפּטיילונג פון „טאָז״, וואָס האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פאַרן געזונט פון דער יידי־שער באַפעלקערונג. אין דער אַמבולאַטאָריע האָבן געאַרבעט 22

דאָקטוירים. עס ווערט אָרגאַניזירט זומער האַלבע קאָלאָניעס פאַר די קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט. די לעצטע יאָרן פאַר דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט די צאָל קינדער דערגרייכט 1200.

די פרוי רוזשע פישער־שניידערמאַן, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אַלס גרופּע־פירערין אין דער האַלב קאָלאָניע, שרייבט אין איר מעמואַרן־בוך, זייט 26:

„דר. שלמה הערשנהאָרן איז געווען איינער פון די מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן אָוועקגעגעבן צו העלפן די יידישע אָרעמקייט, פאַרלייכטערן זיי אין דער נויט. ער האָט כמעט נישט געהאַט קיין צייט צו פּראַקטיצירן אַלס דאָקטער. זיין פּריוואַטע פּראַקטיק האָט ער פאַרנאַכלעסיקט, מיט לייב און לעבן זיך גע־ווידמעט דער טעטיקייט אין „טאָז". אָבער דער „טאָז" איז געווען ביי אים אַ טייל פון זיין פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער טעטי־קייט. געווען אין דער אָנפירערשאַפט פון יידישן שול־וועזן, אינעם קאָמיטעט צו בויען דאָס קולטור־הויז א. נ. פון י. ל. פּרץ. די מסירות־נפש פון דעם פאָלקס־אינטעליגענט פאַרן יידישן מענטש איז גאָר באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם בלוטיקן חורבן.

ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס זענען אָנגעקומען אינעם באַפרייטן לובלין, אַלס פרייוויליקער אין דער פוילישער אַרמיי. אַ חוץ דעם ווונטש נקמה צו נעמען אין די דייטשע מער־דער, האָבן די פרייוויליקע יידישע קעמפער אויך געהאַט אַן אילו־זיע צו קענען צוריק אויפבויען אַ יידישן ישוב אין באַפרייטן פוילן. אָט ווי עס שרייבט אַ בריוו פון פראָנט, דעם 9־טן יולי 1944, דער באַקאַנטער לובלינער לינקע־פּועלי־ציון טוער, מיט־גליד פון פּרעזידיום פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע, שלמה מיטעלמאַן ז"ל:

„איך בין אין מיליטער מיט געווער אין האַנט צו שאַפן אַ ניי פריי פוילן. דאָס איז אַן אידעע, אַ ציל. אמת, נישט קיין

סאָציאַלער, וואָס באַגייסטערט, אָבער דאָך אַזאַ מלוכה, וואָס שאַפט מעגלעכקייטן פון גליקלעך אויסלעבן זיך פאַר אַלע ביר־גער, בתוכם אויך די יידן. און דאָס אַבסאָרבירט מיך". („בריוו פון פראָנט", ז' 87).

לויט די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע (נומ' 79, 1971, איבערגעדרוקט אין הערש סמאָלאַרס בוך „אויף דער לעצטער פּאָזיציע און לעצטע האָפענונג"), האָט די פּוילישע רעגירונג, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין לובלין, באַשטימט דר. שלמה הערשנהאָרן אַלס רעפערענט פאַר יידישע ענינים. ער האָט גלייך אַנטוויקלט אַ פּילזייטיקע הילפס־טעטיקייט פאַר די געראַטעוועטע יידן. נישט אויף קיין אַדמיניסטראַטיוון אופן, נאָר שטיצנדיק זיך אויף די יידישע קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך פאָרמירט. ער האָט זיך באַמיט די יידישע קאָמיטעטן צו העלפן מיט רעגירונגס־סובסידיעס. ביי אָט די געבענטשטע אי־ניציאַטיוון האָט אים געשטיצט דער יידישער מיניסטער דר. עמיל זאָמערשטיין. ער האָט גלייך געזאָרגט פאַר רעמאָנטירן דאָס פּרץ־הויז, ווו ס'האָבן זיך צייטווייליק איינגעקוואַרטירט געראַטע־וועטע יידן. ער האָט זיך געוואָנדן צו פאַרשידענע רעגירונגס־אָרגאַנען קעגן די אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען פון די אָרטיקע געשאַפענע נאַציאָנאַל־ראַטן. נישט געקוקט אויף די גרויסע גע־פאַרן אויף די וועגן, פלעגט ער פּערזענלעך באַזוכן די געשאַפענע יידישע קאָמיטעטן. איידער וואַרשע איז נאָך באַפרייט געוואָרן, האָט ער מיטגעהאָלפן דעם וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט אין פּראַגע מיט 100.000 זלאָטעס און 1.000 קילאָ קאַשע פאַר דער געשאַפענער יידישער קינדערהיים אין אָטוואָצק. אין נאָוועמבער 1944 איז אין לובלין אַנטשטאַנען דער צייטווייליקער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, לויטן פּרינציפּ פון פּאַרטייאי־שער פאַרשטייערשאַפט.

בעת דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך איבערגעטראָגן קיין וואַרשע און די יידישע קאָמוניסטן האָבן באַקומען די שליסל־פּאָזיציעס, איז הערשנהאָרן פאַרבליבן אַ מיטגליד אין פּרעזידיום, פאַרזיצער פון „אָרט" און „טאָז". אַלס פּרעזידיום־מיטגליד האָט ער זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע ביים אויפנעמען דעם ערשטן געזאַנדטן פון מדינת ישראל אין פּוילן.

אין 1948, נאָכן ליקווידירן די פּאַרטייען, האָבן די פּ.פּ.ס. און „בונד" געהאַט די פּריווילעגיע, וואָס זיי האָט מען גערופן זיך צו פאַראייניקן מיט דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אונטער איר פאַרמאַסקירטן נאָמען פּ.ז.פּ.ר. אויף דער קאָנפערענץ פון „בונד", דעם 15־טן יאַנואַר 1949, איז באַהאַנדלט געוואָרן די ליקווידירונג אַלס זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי און דאָס אַריינגיסן זיך אין דער פּ.ז.פּ.ר.. און מען האָט נאָך געדאַרפט מאַכן אַ זעלבסטקריטיק וועגן דער ראָל פון בונד צווישןביידע וועלט־מלחמות. די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט ענלעך ווי אין מינסק 1921. דאָרטן זענען די אונטערפירער צום שידוך געווען רחמיאל וויינשטיין און אסתר פרומקין; אין פּוילן — סאַלאָ פישגרונד און שמואל האָרוויטש. דר. שלמה הערשנהאָרן איז געווען צווישן דעם טייל וואָס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן סאָוויעטישן מאָדעל פון איין־פּאַרטיי־סיסטעם.

זייענדיק איבערצייגט, אַז אין די באַדינגונגען פון אַ פּאַרטיי־דיקטאַטור וועט זיך דער ידישער ישוב אין פּוילן נישט קענען אויפבויען, פאַרלאָזט ער דאָס לאַנד, און גייט אומלעגאַל אַריבער די טשעכישע גרענעץ. געלעבט אַ קורצע צייט אין מדינת ישראל, מיטגעהאָלפן שאַפן א מוסטער־הויז פאַר עלטערע מענטשן.

ווי עס ווייזט אויס האָט ער לײדער פּסיכאָלאָגיש נישט געקענט אַריינוואַקסן אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט. פאָרט אַריבער קיין אויסטראַליע, אַרבעט דאָרטן איבער פּראָיעקטן פון סאָציאַלע געזונט־אינסטיטוציעס פאַרן ייִדישן ישוב. נאָך אַ לענ־

גערער קראַנקייט איז ער געשטאָרבן דעם 2־טן יאַנואַר 1953.

אָט די צוויי פּילפּאַרביקע שיינע פּערזענלעכקייטן זענען געווען צווישן דער פּלעיאַדע נאָענטע און טרייע איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער פון בעלאַ שאַפּיראָ.

**

בעלאַ שאַפּיראָ האָט אָנגעהערט צו דער גייסטיקער אָנפירנ־דיקער עליטע פונעם לובלינער יידנטום, האָט נישט בלויז גע־טיילט דעם גורל פון די קדושים פון דער קהילה, נאָר זי איז געווען פון די סאַמע ערשטע אַרעסטירט און געפּייניקט צו ווערן אויף די אויספאָרשונגען פון דער בלוט־דורשטיקער געשטאַפּאָ. לויט דעם אַרכיוו פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן, פּראָטאָקאָל נומער 1887 און נומער 1897, איז בעלאַ שאַפּיראָ געפּייניקט און געפּאַרשט געוואָרן דורכן גע־שטאַפּאָ־קאָמיסאַר פּאַר פּאָליטישע ענינים פושאַטער. מ׳רייסט איר אַראָפּ די נעגל פון די הענט און פיס, מ׳פאַרלאַנגט פון איר זי זאָל אויסגעבן די אומלעגאַלע באַוועגונג. בעלאַ טראָגט ווירדיק אויס אַלע פּיינען, זי ווערט פון לובלין איבערגעפירט קיין ראַדאָם, ווו עס קומט פאַר אַ קאָנפראָנטאַציע מיט אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע. אויך דאָס מיטל איז די געשטאַפּאָ אויספאָרשער נישט געלונגען, בעלאַ האָט ווייטער געשוויגן. מען האָט זי צוריק־געברענגט קיין לובלין אַ שרעקלעך צעהרגעטע. זי ווערט אַריינ־געפירט אין תפיסה־שפּיטאָל. אין דעצעמבער האָט מען זי אַרויס־געשיקט אין לאַגער ראַווענסבורג. ביז זי האָט אויסגעהויכט איר ערלעך־ריינע נשמה, איז זי אַדורכגעגאַנגען שבעה מדורי־גיהנום.

מיט כבוד וועל איך אויך דערמאָנען, אין געציילטע ווער־טער, נאָך צוויי גייסטיק שיינע פּרויען־פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אויסגעווירקט מיט זייערע טעטיקייטן אינעם לובלינער

יידישן ישוב, און האָבן געטיילט דעם שרעקלעכן גורל פון די מיליאָנען יידישע קדושים: די ראַטמאַנקע אין לובלינער שטאָט־ראַט, געווען אויך קאַנדידאַט צו די וואַלן פון פוילישן סיים אויף דער ליסטע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, פאָרזיצערין פון פרויען־פאַראיין, מיטגרינדערין פון „החלוץ" און אָרגאַניזאַטאָרין פון קיבוצישע הכשרה־פונקטן, פרוי בעלאַ דאָבזשינסקאַ.

די באַגאַבטע געשיכטע־לערערין אין דער יידיש־פוילישער גימנאַזיע און אין דער יידישער פאָלקס־שול, בעלאַ מאַנדעלסבערג שילדקויט. זי האָט געענדיקט אַלס מאַגיסטער אין 1927, אָנגעהערט אין סטודענטן־קרייז פון די לינקע פועלי־ציון. געווען צווישן די גרינדער פון קרייז יונגע יידישע היסטאָריקער צוזאַמען מיט דעם לעגענדאַרן היסטאָריקער פון וואַרשעווער געטאָ, דר. עמנואל רינגעלבלום. זי האָט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון עקאָנאָמישן און רעכטלעכן מצב פון די לובלינער יידן אין 17־טן יאָרהונדערט. געזאַמלט מאַטעריאַלן צו איר געפּלאַנטער פולער געשיכטע פון לובלינער יידן. די דייטשע מאַסן־מערדער האָבן ברוטאַל איבערגעריסן די פרוכטבאַרע גייסטרייכע לעבנס פון די דריי בעלאַס — שאַפּיראָ, דאָבזשינסקאַ און מאַנדעלסבערג־שילדקרויט, זכרונן לברכה!

מיט כבוד און פאַרערונג דערמאָן איך אַ פערז פונעם גרויסן ווירדיקן יורש פון די חכמי־לובלין, דעם דיכטער און לובלינער בן־עיר, יעקב גלאַטשטיין, געווידמעט די העראָאישע יידישע פרויען:

זיי זענען שטאַרקער פון די מענער,
גלויביקער פון זיי.
אַ געזאַנג וועלן מיר זינגען,
צו אונדזערע שטאַרקע פרויען.

יעקב גלאַטשטיין

דאָס אַקטיווע יידיש־פּאָליטישע, קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פּוילן אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט אַנטוויקלט אַ סך אויסערגעוויינלעכע פּרויען־טיפּן. צווישן זיי שיינט אַרויס די געשטאַלט פון בעלאַ שאַפּיראָ. מיט איר כאַראַקטער וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אירע פּראַקטישע פּאָליטישע קולטור־טעטיקייטן. מיט איר גרויסער ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר די אונטערדריקטע און ליידנדיקע, ביז צו איר לעצטן וועג פון איר מאַרטירער־טויט, דורך די נאַציש־דייטשע הענקער.

זאָל די באַשיידענע אַרבעט זוכה זיין צו ווערן איר סימבאָלישע מצבה אויף דעם אומבאַקאַנטן קבר.

***

נאָכן באַקענען זיך פון די צוויי אונטן־אונטערגעשריבענע מיטן מאַנוסקריפּט, האָב איך באַקומען די דאָזיקע אָפּרופן:

פון שרייבער און זשורנאַליסט, פּאַרזיצער פון פּאַראיין פון די יידישע דעפּאָרטירטע אין פראַנקרייך, פּאָרזיצער פון צערקל בערנאַר־לאַזאַר, פּאָליטישער עסקן אין די צענטראַלע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן פון די יידן אין פראַנקרייך, אַנרי בולאַווקאָ.

מיין טייערער משה,

איך האָב געלייענט דיין אַרבעט וועגן בעלאַ שאַפּיראָ. איך באַוווּנדער דיך פאַר דער פאָרש־אַרבעט, וואָס האָט זיך געניויטיקט דערצו. עס איז אַ כבוד צו דערמאָנען די העלדישע געשטאַלטן פון די, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס, ימח־שמם.

עס איז גוט, וואָס ס'איז דאָ אַ שרייבער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אַזעלכע הערלעכע געשטאַלטן.

זיי געזונט און האָב דערפאָלג!

***

פון מיין זאַמאָשטשער לאַנדסמאַן, פריינד און חבר, סאַנע מאָסמאַן, און פון זיין פרוי גריסע:

טייערער משה,

מיט מיין גאַנצן וועזן האָב איך אַ גייסטיקן ווילן, אַז דיין אַרבעט וועגן בעלאַ שאַפּיראָ זאָל דערשיינען. בעלאַ

שאַפּיראָ — עס דערמאָנט מיר אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך מיר טיף איינגעקריצט אין דער נשמה פון די שיינע יוגנט־יאָרן, ווען איך האָב אָנטייל גענומען אין דער דעלעגאַציע פון די וואַרשעווער צוקונפטיסטן אין דעם לאַנד־צוזאַמענפלי וואָס איז פאָרגעקומען אין לובלין.

צווישן די לובלינער בונדישע טוער, וואָס האָבן אונדז אויפגענומען האָט אַרויסגעשיינט דער מוטערלעכער חן, די פרייד און ליבשאַפט פון בעלאַ שאַפּיראָ. פאַר אונדז, דע־מאָלט יונגע מענטשן, פול מיט לעבן און האָפענונגען.

זאָל דיין אַרבעט אויך דינען פאַר אַן אָנדענק פון יענע וווּנדערלעכע סאָציאַליסטיש־באַגייסטערטע יידישע אַרבעטער יוגנט, וואָס זענען אומגעקומען פון די פאַשיסטיש־נאַצישע הענקער און זייערע מיטהעלפער. און אויך די, וואָס זענען אומגעקומען אויף דער עוואַקואַציע אין די סטאַליניסטישע תפיסות און לאַגערן.

דאַנק־אויסדרוקן :

דעם דיכטער משה וואַלדמאַן פאַר זיינע באַלערנדיקע אָנווייזונגען און באַמערקונגען, וואָס ער האָט מיר געמאַכט נאָכן באַקענען זיך מיטן מאַנוסקריפּט.

אויך די פריינד, וואָס האָבן מיך דערמוטיקט מיט אַ גוט וואָרט, גאָר באַזונדערס דעם שרייבער און זשורנאַליסט, רעדאַק־טאָר פון „לעבנס־פראַגן", וואָס דערשיינט אין תל־אביב, יצחק לודען.

יקותיאל ראָזענבערגן, וואָס האָט פּערזענלעך גוט געקענט בעלאַ שאַפּיראָן און איר מאַן יעקב ניסנבוים. אין די יאָרן פון זיין בונדישער טעטיקייט אין וואַרשע, איז אים אַ ריי מאָל אויסגעקומען צו באַזוכן לובלין און ווערן אויפגענומען אין זייער דירה.

דעם קינסטלער רפאל כוואָלעס פאַר באַשיינען די דאָזיקע בראָשור מיט זיינע צייכענונגען פון ציקל „דאָס יידישע לובלין".

***

די מאָנאָגראַפיע דערשיינט מיט דער מיטהילף פון „ארגון יוצאי לובלין" אין ישראל, פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט" אין פּאַריז, פון מיין ליבן שוואָגער פנחס דייטש צו זיין 84־סטן געבוירן־טאָג און פון מיין זאַמאָשטשער לאַנדסמאַן, דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער סאַנע מאָסמאַן.

די אַרבעט באַזירט זיך אויף:

„דאָס בוך פון לובלין", פּאַריז 1952;
הערץ, י. ש.: דורות בונדיסטן, 2־טער באַנד;
גלאַטשטיין, יעקב: ווען יאש איז געפאָרן;
שולשטיין, משה: ביים פּנקס פון לובלין, פּאַריז 1966;
בונדישער אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג א"נ פראַנץ קורסקי;
ניו־יאָרק ראַדיאָ־פּראָגראַם „אַמאָל און היינט", זעליג וואַסערשטראָם, 1962;
העפט צו די 35 יאָר לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז, 1964;
גאָלדשטיין, בערנאַרד: 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ;
צעלעמענסקי, יעקב: מיטן פאַרשניטענעם פאָלק;
„קול לובלין", נומער 12 און 13, תל־אביב 1978;
„דער לובלינער", ניו־יאָרק, דעצעמבער 1935;
פישמאַן־שניידערמאַן, רוזשאַ: מיין לובלין, תל־אביב 1982;
בעקערקונץ־מעטאַלאָוויטש, הערשל: אַ וועג אין לעבן, באַנד 2, תל־אביב 1982;
סמאָליאַר, הערש: אויף דער לעצטער פּאָזיציע און לעצטער האָפענונג, תל־אביב 1982;
קאַזשדאַן, ח. ש.: די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, מעקסיקע 1967;
יזכור בוך קאָריוו, תל־אביב 1955.

אינהאַלט :

1. אַריינפיר 7
2. וועגן לעבן און הערא̇יִשן אומקום פון בעלאַ שאַפּיראָ 11
3. יחיאל ניימאַן 15
4. פּאָליטישע אַנגאַזשירונג 18
5. אַנטשטייאונג פון יידיש-וועלטלעכן שולוועזן
אין לובלין 19
6. מע נעמט בויען אַ היים פּאַר דער
יידש-וועלטלעכער שול 23
7. אָפּרופן פון געציילטע לעבן פּאַרבליבענע עדות 30
7. אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט . . . 37
9. לעצטע אַקטיוויטעטן אין לובלין 40
10. דער אַרעסט און די באַמיאונגען זי צו ראַטעווען 45
11. נאָכוואָרט 51
12. בעריש קרעמפּעל 53
13. דר. שלמה הערשנהאָרן 55

פון דעם זעלבן מחבר :

1) „און מען האָט מיך רעהאַביליטירט״ — תל־אביב 1970 (איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין די סטאַלינישע תפיסות און לאַגערן — איבערגעזעצט אויף עברית, פראַנצויזיש און דייטש).

2) „דער העראָאישער ייִדישער פרייהייטס־קעמפער יוסף עפּשטיין — (קאָלאָנעל זשיל)״ — פּאַריז 1980, איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש.

3) „די גרויסע ענדערונג אין ייִדישן לעבן אין פראַנקרייך״ — תל־אביב 1982. (פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה ביז 1980).

לובלינער בונדיסטן טרעטן צו צו בויען, אין די דרייסיקער יאָרן, אַ היים
פאַר דער יידיש־וועלטלעכער שול. אַ קולטור־הויז א. נ. פון י. ל. פרץ

פאַרוואַלטונג און פּעדאַגאָגישער ראַט פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע
אין לובלין אין יאָר 1926. צווייטע ריי אינמיטן — בעלאַ שאַפּיראָ.



דאָס פּרעזידיום פון דער שול־אָרגאַניזאַציע אין לובלין אין יאָר 1927, בעתן באַזוך פון דיכטער ה. לייוויק. פון רעכטס אויף לינקס: זיצן — טויבע ליבערמאַן, ה. לייוויק, בעלאַ שאַפּיראָ. שטייען — שלמה מיטעלמאַן, יעקב ניסנבוים, אברהם פיינזילבער.

בונדישע 1־טע מאַי־דעמאָנסטראַציע אין לובלין 1936.
ס׳רעדט די פאַרטיי־פירערין בעלאַ שאַפּיראָ.

משה ניסנבוים, דערציִער און מלמד פון עטלעכע דורות. זיין זון יאַנקל
ניסנבוים, שרייבער און רעדאַקטאָר פון „לובלינער טאָגבלאַט“ — מאַן
פון בעלאַ שאַפּיראָ

צו דעם 21־סטן יאָרטאָג פון אויסמאָרדן די 45 טוזינט
לובלינער יידן מיטן אויפשריפט אין יידיש און אין פויליש
„אין יעדן ביסל אַש זוך איך מיינע נאָענטע״

Moshé ZALCMAN

Bela SZAPIRO

IMPRIMÉ SUR LES PRESSES DE
CITÉ IMPRESSION
14, CITÉ GRISET - 75011 PARIS
1983